בעזהשי"ת

# קונטרס

# חידושי תורה

**מקץ - חנוכה**

**יו"ל על ידי**

**תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל**

**מסאטמאר**

**בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א**

**קרית יואל - בני ברק**

**כיתה ח'**

**הר"ר יואל גרינוואלד הי"ו**

בס"ד

# חידו"ת לפרשת מקץ

**וידבר אל יוסף בחלומי הנני עומד על שפת היאור.** זאגט דער מדרש, הה"ד עדות ביהוסף שמו בצאתו על ארץ מצרים שפת לא ידעתי אשמע.

**לכאורה** דארף מען פארשטיין אויב האט פרעה געזעהן אין חלום אז ער שטייט על היאור, פארוואס זאגט ער פאר יוסף על שפת היאור.

**נאר** עס קען זיין אז פרעה האט געוואלט זעהן צי יוסף ווייסט טאקע דעם חלום אדער ער פראבירט בלויז צו צוטרעפן דעם פתרון, וועגן דעם האט ער בכוונה משנה געווען דעם חלום ווילנדיג זעהן צי יוסף וועט אים פאררעכטן און זאגן אז דער חלום איז באמת געווען אנדערש.

**דאס** איז טאקע געווען פארוואס פרעה איז אזוי נתפעל געווארן און ער האט אויסגערופן "הנמצא כזה איש אשר רוח אלקים בו", ווייל ער האט געזעהן אז יוסף האט אים פארראכטן און אים געזאגט אז דער חלום איז געווען אנדערש.

**דאס** זאגט דער מדרש "עדות ביהוסף שמו", דער עדות אז יוסף איז טאקע א "איש אשר רוח אלקים בו", איז געווען ווייל ער האט געזאגט פאר פרעה "שפת לא ידעתי", דאס וואס דו זאגסט שפת היאור דאס ווייס איך נישט, "אשמע", דאס הער איך נאר יעצט פון דיר, ווייל איך ווייס אז דו ביזסט געשטאנען על היאור.

**(הרה"ק הרבי ר' מאיר מפרעמישלאן זי"ע)**

בס"ד

**וידבר שר המשקים את פרעה לאמר את חטאי אני מזכיר היום.** ודקדק באור החיים הק' למה לו להשר המשקים להזכיר את חטאיו בעת ההיא, גם למה אמר 'חטאי' בלשון רבים, והלא לא חטא רק חטא אחד.

**ואפשר** לתרץ על פי מה שהביא הגה"ק הייטב לב זללה"ה בספרו רב טוב מאביו מרן הגה"ק ר' אלעזר ניסן זללה"ה לפרש הכתובים "בעוד שלשת ימים ישא פרעה את ראשך והשיבך על כנך ונתת כוס פרעה בידו כמשפט הראשון אשר היית משקהו, כי אם זכרתני אתך". כי הנה אמרו חז"ל במדרש (ב"ר פפ"ח ס"ב) שחטא שר המשקים היה שנמצא זבוב בתוך כוסו, ושר האופים חטא בזה שנמצא צרור בגלוסקא שלו, ואם כן אין כדאי לתתם במשמר עבור זה, אבל הקציף הקב"ה את פרעה על עבדיו, כדי לתת גדולה ליוסף. והנה יוסף הבין שפרעה קצף עליהם בשביל שיבוא לו הצלה על ידם, אבל שר המשקים שהוא איש בער לא יבין את זאת, לזה אמר יוסף לשר המשקים שיש לו ראיה שכל הקצף לא היה בשביל הזבוב, שהרי יראה שגם אחר זה כשיתן הכוס ביד פרעה, וימצא בו זבוב לא יתן אותו במשמר, ולא יכעוס עליו כלל, מזה יבין שכל הכעס היה בשביל שיעשה לו טובה ויזכרנו, וזהו שאמר יוסף להשר המשקים, ונתת כוס פרעה כמשפט הראשון, היינו עם זבוב, שעל זה היה משפט הראשון, ולא יכעס עליך, מזה תבין כי כל הענין הזה היה בכדי שתזכיר אותי לפני פרעה, עכ"ד.

**וזהו** שאמר שר המשקים אל פרעה, את 'חטאי' אני מזכיר היום, היינו שני חטאים, מה שנמצא זבוב בתוך הכוס שתי פעמים, ועם כל זאת קצף פרעה רק בפעם הראשון, ומזה ראיה כי כל הקצף היה רק בשביל נער העברי היושב במשמר, להזכירו לפני המלך להוציאו מן הבור.

**(ברך משה)**

בס"ד

# חידו"ת לחנוכה

**עס איז באקאנט די קשיא פון בית יוסף** (הל' חנוכה סימן עת"ר) **וז"ל: איכא למידק למה קבעו שמונה ימים לחנוכה, הלא השמן שבפך היה בו כדי להדליק לילה אחת, ואם כן ביום ראשון לא הי' נס, ולא היה הנס רק בשבעה לילות.**

**מ'קען** פארענטפערן די קשיא מיט דעם וואס די גמרא זאגט אז עס קען אריינקומען א ברכה נאר אין כלי וואס איז נישט געציילט און געמאסטן, אבער אויב די כלי איז יא געציילט קומט אין דעם נישט אריין קיין ברכה, דארף מען פארשטיין ווי אזוי האט געקענט אריינקומען די ברכה אין די קריגל אויל, די אויל איז דאך געווען געציילט און געמאסטן, עס זאל זיין אויל וואס קען ברענען איין נאכט?

**ענטפערט** דער ישמח משה (פר' תולדות און פר' וישב) אז דאס וואס די גמרא זאגט אז עס קומט נישט אריין א ברכה אין א כלי וואס איז געמאסטן, איז נאר אויב די ברכה קומט פון די שם שדי, אבער אויב די ברכה קומט פון די שם י-ה-ו-ה דעמאלטס קען אריינקומען א ברכה אפילו אין א כלי וואס איז געמאסטן.

**עס** שטייט אין תיקוני זוהר אז די פיר תפילות פון שבת קודש, מעריב, שחרית, מוסף, און מנחה, איז אקעגן די פיר אותיות פון י-ה-ו-ה, און דורך דעם וואס מ'דאווענט ערליך די תפילות פון שבת קען מען מאכן אז עס זאל לייכטן די פיר אותיות.

**דער** אסטראווצער גאון ז"ל האט אויסגערעכנט אז דאס יאר, ווען עס איז געווען די נס חנוכה, איז די ערשטע טאג כ"ה כסלו געווען אין שבת קודש.

**לפי** זה קען מען זאגן אז באמת איז טאקע די ערשטע טאג נישט געווען קיין נס, ווייל עס איז דאך געווען גענוג אויל פאר איין טאג, נאר דאס וואס עס איז אריינגעקומען א ברכה אין די קריגל אפילו דאס איז געווען געציילט און געמאסטן, איז נאר געווען דורך דעם וואס די חשמונאים האבן ערליך מתפלל געווען די פיר תפילות פון שבת אין די ערשטע

בס"ד

טאג, דאס האט גורם געווען אז עס זאל לייכטן די שם י-ה-ו-ה, ממילא האט יא געקענט אריינקומען א ברכה אין די קריגל, קומט אויס אז די ערשטע טאג האט גורם געווען אז עס זאל קענען אריינקומען א ברכה, דערפאר צינדן מיר ליכט אויך אין די ערשטע טאג.

**מיט** דעם ווערט אויך פארענטפערט וואס דער לבוש פרעגט פארוואס פורים האט מען מתקן געווען מ'זאל מאכן א יום טוב פון משתה ושמחה, און חנוכה האט מען מתקן געווען נאר להודות ולהלל, ווייל די גאנצע נס חנוכה אז די קריגל זאל זיך אנפילן איז נאר געווען דורך דעם וואס די חשמונאים האבן ערליך געדאווענט, לזכר דעם האט מען מתקן געווען נאר להודות ולהלל.

**כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א - ליל ב' דחנוכה תשס"ז**

**ידוע קושיית הבית יוסף** (הל' חנוכה סימן עת"ר) **למה קבעו שמונה ימים לחנוכה, הלא השמן שבפך היה בו כדי להדליק לילה אחת, ואם כן ביום ראשון לא הי' נס, ולא היה הנס רק בשבעה לילות.**

**ויש** לתרץ על פי מה שכתב הרמב"ם כשיגדל הכהן ויעשה איש (בן י"ג שנה) הרי הוא כשר לעבודה אבל אחיו הכהנים לא היו מניחין אותו לעבוד במקדש עד שיהיה בן כ' שנה עיי"ש, והרמב"ם כתב דאין הכהן עובד תחילה עד שיביא עשירית האיפה משלו ועובד בידו שנאמר זה קרבן וכו' אשר יקריבו לה' ביום המשח אותו וכו' עיי"ש, ואם כן אפשר לומר דהרי כל הכהנים היו טמאי מתים מן המלחמה והיו אסורין בעבודה, ומעתה אפשר לומר דהכהנים בני י"ג שנה הדליקו המנורה דהרי הם היו טהורים כי הרי רק מבן כ' ומעלה יצאו למלחמה [ועיין בשפתי חכמים פרשת כי תשא סי' י' דמבואר דבין במלחמת רשות ובין במלחמת חובה יצאו דייקא בן כ' ומעלה] והרי היו ראויין לעבודה מבן י"ג שנה, אלא דאחיהם הכהנים לא הניחו להם כי הם רצו לעבוד העבודה כדברי הרמב"ם, אבל הרי עתה הם היו כולן טמאי מתים ואם כן על כרחך שהיו צריכין ליתן להם להדליק המנורה, ואם כן אפשר לומר כיון דעתה הדליקו המנורה הכהנים בני י"ג שנה הרי התחייבו להביא

בס"ד

מנחת חינוך כדמובא לעיל, ומנחת חינוך הי' עשויה בשמן, ואם כן אפשר לומר דלעולם הי' שמן כשיעור הדלקת יום אחד, אלא שלקחו מקצת שמן למנחת חינוך, כדי שהכהנים בני י"ג שנה יוכלו להדליק המנורה. ואם כן יתורץ שפיר קושיית הבית יוסף דבעצם אפי' ליום הראשון לא הי' שיעור הדלקה כיון שלקחו ממנו למנחת החינוך כדבר האמור.

**(הגה"צ ראש ישיבתינו שליט"א)**

**די משנה זאגט אין מסכת בבא קמא** (דף סב:) **הניח חנוני נרו מבחוץ חייב, רבי יהודה אומר בנר חנוכה פטור.**

**די** גמרא זאגט אז יוחנן כהן גדול איז געווען אכציג יאר א כהן גדול, ולבסוף נעשה צדוקי. דער חילוק צווישן די חכמים און די צדוקים איז געווען ביי די עבודה פון יום כיפור, די צדוקים האבן געהאלטן אז מען דארף די קטורת פון יום כיפור נאך אנצינדן אינדרויסן פאר דעם קודש קדשים, און די חכמים האבן געהאלטן אז מען דארף אנצינדן די קטורת פון יום כיפור אין קודש קדשים.

**און** עס איז פאראנען שיטות וואס זאגן, אז מתתיהו בן יוחנן כהן גדול, איז טאקע געווען דער זון פון דעם יוחנן כהן גדול וואס ער איז שפעטער געווארן א צדוקי, און דורך דעם וואס זיין זוהן מתתיהו האט געהאט מסירות נפש ביי דעם נס פון חנוכה, האט ער מתקן געווען דעם חטא פון זיין טאטע, און דעריבער איז טאקע די עיקר מצוה צינדן די מנורה מבחוץ, צו ווייזן אז דאס קומט מתקן זיין דעם חטא פון יוחנן כהן גדול וואס ער האט אנגעצינדן די קטורת אינדרויסן פון קודש הקדשים.

**דאס** איז דער פשט אין די גמרא, הניח "חנוני" את נרו", וואס דערווארט "חנוני" איז דער זעלבע אותיות פון "יוחנן" דער יוחנן האט געלייגט זיין פייער פון די קטורת, "מבחוץ" אויסער דעם קודש הקדשים, דעריבער "חנוני חייב" איז יוחנן חייב, ווייל ער האט געטוהן אנטקעגן די חז"ל, רבי יהודה אומר, "בנר חנוכה" פטור, רבי יהודה זאגט אז דורך די נר חנוכה פון זיין זון, איז ער שוין פטור געווארן פון די עונש.

**(בוצינא דנהורא)**

בס"ד

# נישט געוואלט נהנה זיין פון זיין תורה

**דער** הייליגער קאזשניצער מגיד, האט אמאל דערציילט: ווען איך בין געווען א קינד פון זיבן יאר אלט, האב איך געלערנט ביים גאון ר' יחזקאל, דער אסטראווצער רב, ביינאכט פלעג איך בלייבן אין ביהמ"ד לערנען אליין.

**ווען** עס זענען געקומען די חנוכה טעג, האט מיך מיין טאטע נישט געוואלט לאזן גיין אין בית המדרש, ווייל ער האט מורא געהאט אז איך וועל מיך אריין שלעפן אין שפילן קארטן, ווי עס פלעגן זיך פירן עטליכע יונגלעך אין די חנוכה טעג. האב איך געוואלט לערנען אין שטוב, אבער כ'האב נישט געקענט, ווייל אין שטוב האט געהערשט א גרויס ארימקייט, און מיין טאטע רבי שבתי, דער איינבינדער, האט נישט געהאט קיין געלט צו קויפן ליכט און ער האט אויך נישט געהאט קיין ספרים (אויסער דעם וואס ער האט איינגעבינדן), בלית ברירה, האט מיך מיין טאטע געמוזט לאזן, און איך האב אים צוגעזאגט, אז איך וועל אנצינדן א לעכטל פון דריי "גדולים" (א מין מטבע פון יענע צייטן), און ווען דאס לעכטל וועט זיך אויסברענען וועל איך גלייך אהיים קומען. הערנדיג דאס, האט זיך מיין טאטע בארוהיגט, און געווען זיכער אז איך וועל נישט האבן קיין צייט צו שפילן קארטן.

**אבער** פון הימל האט מען מיט מיר געטוהן א נס – מעין נס חנוכה – דאס לעכטל האט געברענט א גאנצע נאכט, און איך בין געבליבן דארט לערנען ביז צופרי. מיין טאטע, זעענדיג אז איך בין נישט צוריק אזוי ווי איך האב צוגעזאגט, איז געווען זיכער אז איך האב נישט געהאלטן ווארט, און איך האב מיך אריינגעשלעפט אין שפילן.

**צופרי** ווען איך בין אהיים געקומען, און זיך אראפגעלייגט אויף מיין בעט, איז מיין טאטע געקומען, און מיך שטארק אנגעשריגן.

**ווען** איך וואלט ווען געזאגט פאר מיין טאטן – האט דער מגיד פארענדיגט – אז איך האב געלערנט, וואלט ער מיר זיכער געגלייבט, ווייל ער האט געוואוסט אז איך זאג נישט קיין ליגנט, אבער איך האב געהאלטן דאס פאר א עוולה מיך צו ראטעווען מיטן כח התורה, און הנאה האבן דערפון, דעריבער האב איך ענדערש געליטן יסורים, און געשוויגן.

בס"ד

# ספר הקדוש בני יששכר על חנוכה

**עס** איז ידוע אז דער הייליגער בני יששכר זי"ע האט אין זיין הייליגן ספר געשריבן מורא'דיגע ענינים אויפן יו"ט חנוכה, און יעדער חסידישער איד ווייסט אז אין די הכנות צו די ימי החנוכה לערנט מען דעם ספה"ק בני יששכר.

**ער** פלעגט אלס חוקר זיין צי ער איז נישט קיין כהן, שפירנדיג אז ער האט א נאנטן שייכות מיט יו"ט חנוכה, און מיטן נס מציאת פך השמן.

**איז** געווען אמאל ווען איינער פון די תושבים פון די שטאט איז געפארן קיין לובלין, און וויבאלד אלע אידן וואס זענען געפארן מיט אים זענען אריין צום רבי'ן פון לובלין, איז ער אויך אריין, זעהנדיג אז יעדער לאזט זיך שרייבן א קוויטל ביים גבאי'ן, האט ער געטראכט אז דער רב אין זיין שטאט האט דאך א שיינע שריפט, די קומענדיגע מאל וואס ער וועט קומען קיין לובלין וועט ער מיטברענגען א קוויטל וואס זיין רב האט געשריבן, וכך הוה.

**ווען** דער הייליגער חוזה פון לובלין האט געזעהן דאס קוויטל האט ער זיך אנגערופן "ווען דו קומסט נאכאמאל זאלסטו מיטברענגען א קוויטל פון דיין רב וואס ער שרייבט פאר זיך אליין".

**דער** איד האט געבעטן פונעם בני יששכר אז ער זאל אים געבן א קוויטל וואו ער איז זיך אליין מזכיר ביים רבי'ן פון לובלין, ווען דער חוזה האט דאס געזעהן האט ער געזאגט אז ער וויל אז דער בני יששכר אליין זאל קומען צו אים.

**ווען** דער בני יששכר איז אנגעקומען האט אים דער חוזה אויפגענומען מיט גרויס כבוד, און ער האט אים געזאגט "איר זענט נישט קיין כהן, נאר אייער נשמה שטאמט פון די נשמות פון די סנהדרין וואס זענען געקומען פון שבט יששכר, וואס די זענען געווען די סנהדרין פון די חשמונאים, און מהאי טעמא שפירט איר אזא הארה ווען איר זענט עוסק אין עניני חנוכה".

**דאן** האט דער בני יששכר א נאמען געגעבן פאר זיין הייליגן ספר "בני יששכר".

בעזהשי"ת

# קונטרס

# חידושי תורה

## חנוכה

יו"ל על ידי

**תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל**
**מסאטמאר**

בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

**קרית יואל – בני ברק**

**כיתה ז' (א)**

הר"ר יוסף מאיר שווארץ הי"ו

בס"ד

# חידו"ת לחנוכה

**עס איז באקאנט די קשיא פון בית יוסף** (סימן עת"ר) **פארוואס האט מען קובע געווען אכט טעג חנוכה, די ערשטע טאג איז דאך נישט געווען קיין נס, ווייל אין דעם קריגל וואס מ'האט געטראפן איז דאך געווען גענוג צו אנצינדן אויף דעם ערשטן טאג.**

<u>ענטפערט דער **בית יוסף** דריי תירוצים:</u>

א) אזוי ווי די כהנים האבן געזעהן אז עס איז דא זייער ווייניג אויל, און זיי האבן געוואוסט אז ביז נאך אכט טעג וועלן זיי נישט האבן קיין כשר'ע אויל, האבן זיי צעטיילט די אויל אויף אכט חלקים, און יעדע נאכט האבן זיי נאר אריין געגאסן איין חלק אין די מנורה, און עס איז געשעהן א נס אז די ביסל אויל האט געברענט א גאנצע נאכט.

**<u>נאך א תירוץ ענטפערט דער בית יוסף:</u>**

ב): די ערשטע נאכט האט מען יא אריין געגאסן די גאנצע אויל, אבער ווען זיי האבן געענדיגט אריין גיסן די אויל האבן זיי געזעהן אז די קריגל איז נאך אלץ פול פונקט ווי פריער, אזוי איז געווען יעדע נאכט, קומט אויס אז אויך די ערשטע נאכט איז געשעהן א נס אז די קריגל איז שוין צוריק פול געווארן.

<u>די דריטע תירוץ ענטפערט דער **בית יוסף**:</u>

ג): די ערשטע נאכט האט מען יא אריין געגאסן די גאנצע אויל, און עס האט געברענט א גאנצע נאכט, און אינדערפרי ווען די כהנים זענען געקומען האבן זיי געזעהן אז די מנורה איז נאך אינגאנצן אנגעפילט מיט אויל. קומט אויס אז די ערשטע נאכט האט שוין די מנורה געברענט בדרך נס, ווייל די אויל האט זיך נישט אויסגענוצט.

**<u>דער טורי זהב (סי' עת"ר סק"א) ענטפערט:</u>**

אז עס שטייט אין זוה"ק (ח"ב סימן קנז:) אויפן פסוק (מלכים-ב ד, ב) מה יש ליכי בבית, וואס אלישע האט געפרעגט פאר שונמית, ווייל דער אייבישטער מאכט נישט קיין נס אריין צו לייגן א ברכה נאר אין א זאך וואס עס איז שוין דא אויף דעם עולם, אפילו אויב עס איז ווייניג, דעמאלטס לייגט דער אויבערשטער אריין

בס״ד

די ברכה אין דעם אז עס זאל ווערן פארמערט, אבער ביי א ליידיגע זאך איז נישט שייך א ברכה צו מאכן א בריה חדשה א יש מאין. און וועגן דעם אויב וואלט מען אריין געלייגט די גאנצע שמן פון די קריגל אין די מנורה, וואלט דער נס נישט געהאט אויף וואס צו חל זיין, דעריבער האט מען די ערשטע נאכט געלייגט ווייניגער ווי דער שיעור און מ׳האט איבער געלאזט אביסל אין קריגל, און מיט דעם אלעם האט עס געברענט א גאנצע נאכט, אויב אזוי איז די ערשטע נאכט אויך געווען א נס, ווייל מ׳האט איבער געלאזט שמן אין דעם קנקן אז די נס זאל האבן אויף וואס צו חל זיין.

מיט דעם טייטשט דער חתם סופר וואס מ׳זאגט דער נוסח ״ומנותר קנקנים״ נעשה נס לשושנים, אז דער נס איז געווען דורך דעם וואס מ׳האט איבער געלאזט דעם ערשטן טאג אביסל שמן אין דעם קנקן וואס האט געדארפט זיין גענוג פאר דעם ערשטן טאג, און אזוי האט געקענט אריין גיין אין דעם די ברכה, וועגן דעם ״בני בינה ימי שמונה קבעו שיר ורננים״ האט מען קובע געווען אכט טעג חנוכה, ווייל די ערשטע נאכט איז אויך געווען א נס וויבאלד מ׳האט נישט אריין געלייגט דעם גאנצן קריגל.

[אגב, אין ספר אוהל מועד זאגט ער אז דעם טורי זהב׳ס תירוץ איז מרומז אין פסוק די וואכעדיגע סדרה (פרשת מקץ) וואס יעקב אבינו האט געזאגט פאר די שבטים ״שברו לנו מעט אכל״, ווייל די מפרשים פרעגן פארוואס האט יעקב זיי נישט געהייסן קויפן אסאך עסן, נאר ״מעט אכל״, ענטפערן די מפרשים לויטן זוה״ק אז דער אייבערשטער מאכט נישט קיין ניסים נאר יש מיש, אבער נישט יש מאין. מיט דעם פארשטייט מען פארוואס יעקב אבינו האט נישט געדארפט נאר ״מעט אכל״, ווייל נאכדעם וועט דער אייבערשטער אריין שיקן א ברכה.

די זעלבע איז אויך ביי חנוכה האט געמוזט איבער בלייבן אויל פון דעם ערשטען טאג, כדי עס זאל געשעהן די נסים אין די אנדערע טעג. און וועגן דעם מאכט מען אכט טעג חנוכה און מען צינדט 44 נרות, וואו עס איז מרומז אין פסוק, ווייל די ווארט ״לנו״ באטרעפט 86, שברו לנו, מ׳זאל צו ברעכן די ווארט לנו אויף העלפט, וועט אויסקומען 43. ״מעט אכל״, מ׳וועט אויך צולייגן די ווייניגסטע אות פון די ווארט אכל, וואס דאס איז אות א׳, וועט אויסקומען 44, און דאס איז טאקע דער קשר פון די מעט אכל וואס יעקב אבינו האט געבעטן אז עס זאל חל זיין די ברכה, צו די 44 ליכט וואס מ׳צינדט אן וויבאלד די ערשטע טאג איז אויך געווען א נס אז מ׳האט איבער געלאזט אין קריגל אביסל שמן אז די ברכה זאל קענען חל זיין דערויף].

**<u>אין חתם סופר ברענגט ער זייער א שיינעם תירוץ אויף די קשיא פון בית יוסף:</u>**

אז וויבאלד דער בית המקדש איז דאך דעמאלס געווען פול מיט עבודה זרה'ס און טומאות, האט מען דאך נישט געקענט צינדן די מנורה אינעם היכל, ביז מען וועט אויסרוימען די עבודה זרה'ס און די טומאות פונעם היכל, דערווייל האט מען געצינדן די מנורה אינדרויסן אויפ'ן הויף, די טבע איז אז אויב מען צינדט א מנורה אינדרויסן וואו עס בלאזט דער ווינט, נוצט זיך אויס מער אויל ווי ווען עס ברענט אינעווייניג אין א פארמאכטן צימער וואו עס בלאזט נישט דער ווינט.

קומט אויס אז עס איז טאקע געווען גענוג אויל פאר איין נאכט, אבער נאר אויב מען וואלט געצינדן אין היכל, אין א שטוב וואו עס בלאזט נישט קיין ווינט, אבער פאר א מנורה וואס מען צינדט אינדרויסן אויפ'ן הויף איז נישט געווען גענוג אויל אפילו פאר איין נאכט און דאך האט דאס געברענט א גאנצע נאכט, איז דאס געווען א נס אויך דעם ערשטן טאג

מיט דעם פארשטייט מען דעם נוסח **"והדליקו נרות בחצרות קדשיך"**, אז מ'האט געצינדן דוקא אינדערויסן און נישט אינעווייניג, וועגן דעם **"וקבעו שמונת ימי חנוכה אלו"** האט מען קובע געווען אכט טעג חנוכה, און נישט זיבן טעג.

**<u>נאך ענטפערט דער חתם סופר:</u>**

ווייל חודש כסליו איז אמאל מלא 30 טעג און אמאל חסר 29 טעג, די יאר פון די נס חנוכה איז כסליו געווען חסר, קומט אויס אז די נס האט זיך גע'ענדיגט ב' טבת, במילא אויב מ'וועט מאכן נאר 7 טעג חנוכה און כסלו וועט זיין מלא וועט זיך ענדיגען חנוכה א' טבת און ס'וועט נישט זיין קיין יו"ט ב' טבת אזוי ווי עס איז געווען יענע יאר פון די נס, און חז"ל האבן געוואלט מאכן א זכר אויך צו די סוף זמן הנס, וועגען דעם מאכט מען אכט טעג כדי אייביג זאל זיך ענדיגן חנוכה ב' טבת.

און מיט דעם קען מען פארשטיין דעם נוסח "בני בינה ימי שמונה קבעו שיר ורננים", וואס עפעס איז דאס לשון "בני בינה", נאר די גמרא זאגט (שבת עה.) אויפן פסוק (דברים ד, ו) כי היא חכמתכם ובינתכם לעיני העמים, איזה חכמה ובינה נגד העמים זה חשבון תקופות ומזלות, אז דאס חכמה ובינה צו וויסן די תקופות השנה דאס פארשטייען נאר די חכמים פון די אידן, און וויבאלד די חכמים האבן געוואוסט אז כסלו קען אמאל

בס"ד

אויסקומען אויך מעובר, דעריבער האבן זיי קובע געווען אכט טעג חנוכה, און דאס איז דער פשט וואס מ'זאגט "בני בינה" דאס זענען די חכמים וואס ווייסן די תקופות ומזלות, וועגן דעם "ימי שמונה קבעו שיר ורננים" ווייל זיי האבן געזעהן אז עס וועט אמאל אויסקומען חודש כסלו מעובר.

דער חתם סופר פירט אויס אויף דעם **"וזה נראה לי יותר מכל מה שנאמר בזה".**

**<u>דער חידושי הרי"ם זאגט זייער א שיינעם תירוץ אויפן בית יוסף'ס קשיא.</u>**

ווייל לכאורה פרעגן די מפרשים אויף דעם וואס דער בית יוסף ענטפערט אז מ'האט צוטיילט די אויל אויף אכט חלקים. לכאורה מיר ווייסן דאך אז אין סומכין על הנס, און ווי אזוי האט מען זיך געמעגט פארלאזן אויף א נס.

נאר די גמרא זאגט אין מס' מנחות אז די חכמים האבן געהייסן אריינלייגן א האלבע לוג אויל א גאנץ יאר, אפילו ביי די קורצע זומער נעכט, איז תוס' מסביר אז אין די לאנגע ווינטער נעכט האט מען געגומען א דינע קנויט, און די קורצע זומער נעכט האט מען גענומען א דיקע קנויט, אזוי האט עס אייביג געברענט פונקט א גאנצע נאכט.

קומט אויס אז אויב מען וועט צוטיילן די קנויט אויף אכט חלקים וועט מען פאר יעדע חלק נאר דארפן האבען א אכט'ל אויל.

אויב אזוי קען זיין אז לויט'ן בית יוסף אז מען האט צוטיילט די אויל אויף אכט חלקים, האט מען אויך צוטיילט די קנויט אויף אכט חלקים, כדי עס זאל קענען ברענען א גאנצע נאכט. במילא האבן זיי זיך שוין נישט פארלאזט אויף א נס, אויב אזוי איז שווער וואס דען איז געווען די נס, נאר ווען מען צינט דיקע קנויט'ן ברענט א גרויסע פלאם און די פלאם איז זייער שיין אבער ביי דינע קנויט'ן ברענט א קליינע פלאם איז די פלאם נישט אזוי שיין, במילא איז די נס געווען אז מ'זאל מקיים זיין די מצוה "בהידור מצוה" אז עס זאל זיין א גרויסע פלאם אפילו מען האט געצינדן א דינע קנויט, וועגן דעם איז דא ביי די מצוה פון חנוכה מהדרין און מהדרין מן המהדרין.

בס"ד

# שיעור הדלקת נר חנוכה חצי שעה

**(שו"ע או"ח סימן תרע"ה)**

**מען** קען זאגן א טעם פארוואס די חכמים האב מתקן געווען אז דער שיעור פון הדלקת נר חנוכה זאל זיין א האלבע שעה, ווייל עס איז באקאנט די קשיא פון בית יוסף פארוואס מאכן מיר אכט טעג חנוכה, דער נס איז דאך נישט געווען נאר זיבן טעג ווייל עס איז געווען גענוג שמן פאר איין טאג.

**איז** פארהאנען איינע פון די תירוצים וואס די מפרשים ענטפערן ווייל די מנורה איז דאך אויך טמא געווארן, האט מען דאך געדארפט מאכן א נייע מנורה, און יעדע כלי טוט דאך איינזאפן אין זיך, און עס איז געשעהן א נס אז עס האט גארנישט איינגעזאפט אין זיך, און עס האט געברענט א גאנצע נאכט.

**עס** ווערט געברענגט אין ילקוט אז די ערשטע דריי חדשים פון דעם יאר ווערט די נאכט גרעסער מיט איין מינוט פון אנהויב נאכט, און איין מינוט פון די סוף נאכט, קומט אויס לפי זה אז די וועלט וואס עס איז באשאפן געווארן כ"ה אלול, איז פון כ"ה ביז כ"ה כסלו די נאכט גרעסער געווארן פון אנהויב נאכט מיט ניינציג מינוט, און פון סוף נאכט מיט נייגציג מינוט, וואס צוזאמען איז דאס הונדערט און אכציג מינוט, וואס הונדערט און אכציג מינוט איז דריי שעה.

**היוצא** לנו מזה אז די נאכט פון חנוכה וואלט מען געדארפט האבן שמן זית פאר פופצן שעה, צוועלף שעה פאר די נאכט, און נאך דריי שעה וואס עס איז צוגעקומען וואס די נאכט איז גרעסער געווארן.

**דער** פרי מגדים זאגט אז א נייע כלי טוט איינזאפן אין זיך א דרייסיג'סטל חלק וויפיל עס איז דא אין די כלי.

**לויט** דעם קומט אויס אז די נייע מנורה וואס האט געהאט אין זיך שמן זית פון פופצן שעה, וואלט געדארפט איינזאפן אין זיך א האלבע שעה וואס דאס איז א דרייסיג'סטל חלק, קומט דאך אויס אז דער נס איז געווען די ערשטע נאכט א שיעור פון א האלבע שעה, וועגן דעם האבן די חז"ל באשטימט אז דער שיעור הדלקה זאל זיין א האלבע שעה.

**(אור תורה אוסטראווצע)**

בס"ד

# הניח חנוני נרו מבחוץ חייב, רבי יהודה אומר בנר חנוכה פטור

**(בבא קמא סב:)**

**די** גמרא זאגט אז יוחנן כהן גדול איז געווען אכציג יאר א כהן גדול, ולבסוף נעשה צדוקי. דער חילוק צווישן די חכמים און די צדוקים איז געווען ביי די עבודה, די צדוקים האבן געהאלטן אז מען דארף די קטורת פון יום כיפור נאך אנצינדן אינדרויסן פאר דעם קודש קדשים, און די חכמים האבן געהאלטן אז מען דארף אנצינדן די קטורת פון יום כיפור אין קודש קדשים.

**און** עס איז פארהאנען שיטות וואס זאגן, אז מתתיהו בן יוחנן כהן גדול, איז טאקע געווען דער זון פון דעם יוחנן כהן גדול וואס ער איז שפעטער געווארן א צדוקי, און דורך דעם וואס מתתיהו האט געהאט מסירות נפש ביי דעם נס פון חנוכה, האט ער מתקן געווען דעם חטא פון זיין טאטע, און דעריבער איז טאקע די עיקר מצוה צינדן מבחוץ צו ווייזן אז דאס קומט מתקן זיין דעם חטא פון יוחנן כהן גדול וואס ער האט אנגעצינדן די קטורת אינדרויסן פון קודש הקדשים.

**דאס** איז דער פשט אין די גמרא, הניח "חנוני" את נרו", וואס דער ווארט "חנוני" איז דער זעלבע אותיות פון "יוחנן" דער יוחנן האט געלייגט זיין פייער פון די קטורת, "מבחוץ" אויסער דעם קודש הקדשים, דעריבער "חנוני חייב" איז יוחנן חייב, ווייל ער האט געטוהן אנטקעגן די חז"ל, רבי יהודה אומר בנר חנוכה פטור, רבי יהודה זאגט אז דורך די נר חנוכה פון זיין זון, איז ער שוין פטור געווארן.

**(הרה"ק ר' ברוך ממעזיבוש)**

## ראשי תיבות לחנוכה (חתם סופר)

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| **ח**שמונאים | **נ**לחמו | **ו**נצחו | **כ**ל | **ה**יוונים |
| **ח**שים (מַהֵר) | **נ**כנסו | **ו**פינו | **כ**לי | **ה**יכל |
| **ח**יבים | **נ**מצאו | **ו**בקרקע | **כ**ד | **ה**שמן |
| **ח**תום | **נ**מצא | **ו**טבעת | **כ**הן | **ה**גדול |
| **ח**שבו | **נ**דליק | **ו**הספיק | **כ**ל | **ה**שמונה |
| **ח**כמים | **נ**מנו | **ו**קבעו | **כ**סליו | **ה**בא |
| **ח'** | **נ**רות | **ו**לגמור | **כ**ל | **ה**לל |

בס"ד

# ספר הקדוש בני יששכר על חנוכה

**עס** איז ידוע אז דער הייליגער בני יששכר זי"ע האט אין זיין הייליגן ספר געשריבן מורא'דיגע ענינים אויפן יו"ט חנוכה, און יעדער חסידישער איד ווייסט אז אין די הכנות צו די ימי החנוכה לערנט מען דעם ספה"ק בני יששכר.

**ער** פלעגט אלס חוקר זיין צי ער איז נישט קיין כהן, שפירנדיג אז ער האט א נאנטן שייכות מיט יו"ט חנוכה, און מיטן נס מציאת פך השמן.

**איז** געווען אמאל ווען איינער פון די תושבים פון די שטאט איז געפארן קיין לובלין, און וויבאלד אלע אידן וואס זענען געפארן מיט אים זענען אריין צום רבי'ן פון לובלין, איז ער אויך אריין, זעהנדיג אז יעדער לאזט זיך שרייבן א קוויטל ביים גבאי'ן, האט ער געטראכט אז דער רב אין זיין שטאט האט דאך א שיינע שריפט, די קומענדיגע מאל וואס ער וועט קומען קיין לובלין וועט ער מיטברענגען א קוויטל וואס זיין רב האט געשריבן, וכך הוה.

**ווען** דער הייליגער חוזה פון לובלין האט געזעהן דאס קוויטל האט ער זיך אנגערופן "ווען דו קומסט נאכאמאל זאלסטו מיטברענגען א קוויטל פון דיין רב וואס ער שרייבט פאר זיך אליין".

**דער** איד האט געבעטן פונעם בני יששכר אז ער זאל אים געבן א קוויטל וואו ער איז זיך אליין מזכיר ביים רבי'ן פון לובלין, ווען דער חוזה האט דאס געזעהן האט ער געזאגט אז ער וויל אז דער בני יששכר אליין זאל קומען צו אים.

**ווען** דער בני יששכר איז אנגעקומען האט אים דער חוזה אויפגענומען מיט גרויס כבוד, און ער האט אים געזאגט "איר זענט נישט קיין כהן, נאר אייער נשמה שטאמט פון די נשמות פון די סנהדרין וואס זענען געקומען פון שבט יששכר, וואס די זענען געווען די סנהדרין פון די חשמונאים, און מהאי טעמא שפירט איר אזא הארה ווען איר זענט עוסק אין עניני חנוכה".

**דאן** האט דער בני יששכר א נאמען געגעבן פאר זיין הייליגן ספר "בני יששכר".

בעזהשי"ת

קונטרס

# חידושי תורה

## חנוכה

יו"ל על ידי

**תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל**
**מסאטמאר**

בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

**קרית יואל – בני ברק**

**כיתה ז' (כ)**

הר"ר שאול יחזקאל שווארץ הי"ו

בס"ד

# חידו"ת לחנוכה

**שבו שברו לנו מעט אכל:**

מען קען זאגן אז אין דעם פסוק איז מרומז די 44 נרות חנוכה. ווייל די ווארט לנו באטרעפט 86, שברו לנו, מ'זאל צו ברעכן די ווארט לנו אויף העלפט, וועט אויסקומען 43. מעט אכל, לייג אויך צו די וויינιגסטע אות פון די ווארט אכל, וואס דאס איז אות א', וועט אויסקומען 44.

*

ביים דעם פסוק איז אויך מרומז די תירוץ פון ט"ז אויפ'ן ב"י קשיא, ווייל די מפרשים פרעגן פארוואס האט יעקב זיי נישט געהייסן קויפן אסאך עסן, נאר מעט אכל, ענטפערן די מפרשים לויט'ן זוה"ק אז דער אייבערשטער מאכט נישט קיין ניסים נאר יש מיש, אבער נישט יש מאין.

מיט דעם פארשטייט מען פארוואס יעקב אבינו האט נישט געדארפט נאר "מעט אכל", ווייל נאכדעם וועט דער אייבערשטער אריין שיקן א ברכה.

די זעלבע איז אויך ביי חנוכה האט געמוזט איבער בלייבן אויל פון דעם ערשטען טאג, כדי עס זאל געשעהן די נסים אין די אנדערע טעג. און וועגן דעם מאכט מען אכט טעג חנוכה און מען צינדט 44 נרות.

**(אוהל מועד)**

**מצותה משתשקע החמה עד שתכלה רגל מן השוק:** רש"י זאגט אז דער שיעור איז א האלבע שעה.

זאגט דער **אסטראוועצער גאון** זצ"ל מסביר צו זיין פארוואס האבן חכמינו ז"ל קובע געווען דעם שיעור פון הדלקת נר חנוכה פונקט א האלבע שעה, לויט די קשיא פונעם בית יוסף וואס פרעגט וואס איז געווען דער נס די ערשטע נאכט, אז חכמינו ז"ל האבן קובע געווען אז מ'זאל צינדן אכט נעכט.

נאר דער מזרחי זאגט אז די חשמונאים האבן געצינדן די לעכט אין א נייע מנורה, ווייל אלע מנורות זענען טמא געווארן.

דער טורי זהב (יו"ד סי' צ"ג סק"ב) פסק'עט להלכה אז א נייע כלי זאפט איין אין זיך די אויל, משא"כ א אלטע כלי האט שוין איינגעזאפט אין זיך גענוג און עס ציעהט שוין נישט אריין מער אויל. קומט אויס אז דעם ערשטען טאג ווען די מנורה איז געווען ניי האט דאס איינגעזאפט אויל, איז געווען א נס אז עס האט געברענט א גאנצע נאכט, כאטש עס איז געווען ווייניגער אויל.

דער ילקוט זאגט אז אין חודש תשרי זענען טאג און נאכט אייניג, און פון תשרי און ווייטער נעמט די נאכט אוועק פונעם טאג איין מינוט אינדערפרי און איין מינוט ביינאכט. קומט אויס אז אין טבת

בס"ד

וואס איז שוין דריי חדשים נאך תשרי איז שוין די נאכט גרעסער מיט ניינציג מינוט צופרי און ניינציג מינוט פארנאכטס, וואס דאס איז צוזאמען דריי שעה. קומט אויס אז א נאכט אין חודש טבת איז לאנג פופצן שעה, און אזויפיל אויל דארף מען האבן פאר די מנורה.

דער פרמ"ג זאגט אז א כלי זאפט איין א דרייסיג'סטל פון וויפיל עס איז דא דערין, קומט אויס אז די מנורה וואס מען האט אריינגעלייגט אויל עס זאל ברענען פופצן שעה האט איינגעזאפט א דרייסיג'סטל פון פופצן שעה, וואס דאס איז א האלבע שעה, ממילא קומט אויס אז דער נס די ערשטע נאכט איז טאקע געווען אז עס האט געברענט א האלבע שעה לענגער פון וויפיל אויל עס איז געווען אין די מנורה, ווייל דעם סכום אויל צו ברענען א האלבע שעה האט דאס איינגעזאפט, וועגן דעם מאכט מען דעם זכר פארן נס דוקא א האלבע שעה.

**ולא מצאו אלא פך אחד של שמן שהי' מונח בחותמו של כהן גדול:**

הרה"ק רבי דוד'ל דינוב'ער זי"ע פרעגט לכאורה שטייט אין די משנה אז עס איז געווען א באזונדערע ממונה אויף די חותמות, און נישט דער כהן גדול אליין, פארוואס האט מען געטראפן דעם קריגל מיטן חותם פונעם כהן גדול אליין? אויך דארף מען פארשטיין דעם לשון "מונח" בחותמו של כהן גדול, פארוואס שטייט נישט "חתום" בחותמו של כהן גדול?

ענטפערט ער אזוי, אז עס איז ידוע אז דער קעניגליכער זיגל איז זייער א טייערע און חשוב'ע זאך, און אזוי אויך דעם כהן גדול'ס זיגל איז געווען זייער טייער ווייל ער איז דאך געווען דער גרעסטער און חשוב'סטער מענטש ביי כלל ישראל.

קען אפשר זיין אז באמת האט דאס קריגל בכלל נישט געהאט ד'עם כהן גדול'ס זיגל, ווייל קיין שום קריגל האט מען נישט געזיגלט מיטן כהן גדול'ס זיגל נאר עס איז געווען געזיגלט מיטן זיגל פונעם ממונה. נאר דא האט פאסירט אז דער כהן גדול האט פארלוירן זיין זיגל און שפעטער האט מען געטראפן דאס קריגל אויל וואס איז געלעגן צוזאמען באהאלטן מיטן זיגל פונעם כהן גדול, דאס מיינט אז עס איז געווען מונח בחותמו של כהן גדול, ממילא האט מען געוואוסט אז קיינער האט נישט צוגערירט צום אויל, ווייל ווען יא וואלט ער דאך ווען אוועק גענומען דעם טייערן זיגל אויך.

**(צמח דוד)**

בס"ד

## לייכט אין אלע עולמות

דער חידושי הרי"ם זי"ע האט אמאל דערציילט: אין איינע פון די חנוכה טעג איז אנגעקומען א גרופע חסידים צום הייליגן חוזה פון לובלין זי"ע, און זיי זענען אריינגעגאנגען מיט קוויטלעך צום רבי'ן.

ווען איינער פון די חסידים איז אריינגעגאנגען מיט א קוויטל וואס איינער פון זיינע ידידים האט אים מיטגעגעבן, האט דער חוזה גענומען דאס קוויטל, ער האט אריינגעקוקט דערין און א שפיי געטון אויף דער ערד. דער חסיד איז אוועקגעגאנגען און איז שפעטער צוריק געקומען, און ווידעראמאל געגעבן דאס קוויטל, דער חוזה האט אריינגעקוקט און זיך אנגערופן: "דער מענטש לייכט אין אלע וועלטן"

דערנאך האט דער חוזה געזאגט "ווען איך האב אריינגעקוקט צום ערשטן מאל אינעם קוויטל, האט דער מענטש געשפילט קארטן, אבער יעצט האלט ער אינמיטן צינדן חנוכה לעכט דעריבער לייכט ער אין אלע עולמות.

## פדיון שבויים לנשמה ע"י מנורה של חנוכה

הרה"ק ר' משה לייב מסאסוב זי"ע בא פעם לביקור בבראד, ובעיר היה גביר אחד בנו של ר' נחום פרנס שגם הוא היה גביר גדול, ובדיוק בעת ביקורו של הרה"ק חלתה בתו מאוד, בא הגביר להצדיק וביקש ברכה לרפואת בתו, וכמובן שם על השולחן פדיון גדול של כסף, אבל הרה"ק אמר לו שאינו רוצה את הכסף שלו כי אם את המנורה שיש לו בירושה מאביו ר' נחום פרנס, מיד הלך הגביר לביתו והביא את המנורה, הצדיק נתן לו ברכתו והבת הבריאה, הדבר היה באמצע ימי חנוכה, ובאותו לילה בירך הרה"ק על המנורה הזאת, בהרבה יחודים וכוונות יותר משאר הלילות, למרות שהי' לו מנורה אחרת שקיבל מרבו הרה"ק ר' שמעלקע מניקלשבורג זי"ע, אחרי הדלקת הנרות אמר ר' משה לייב שברצונו לספר עתה סיפור, ואז הפנה אצבעו לאחד העומדים מסביבו, חסיד אחד שקראו לו ר' יחיאל צורף, ע"ש המלאכה שעסק בה מלאכת הצורפות, הסיפור - אמר הצדיק - הוא על סבך שגם לו קראו ר' יחיאל

בס"ד

שהיה מחסידי הרה"ק הרבי ר' זושא זי"ע שהיה נוהג לתת מטבעות כסף כסגולה, וגם לר' יחיאל צורף היה נותן לפעמים מטבעות כסף, אך בעוד שחסידים אחרים היו נוהגים למכור את מטבעות הכסף שקיבלו, ר' יחיאל לא מכר אותן אלא אסף פרוטה לפרוטה ועשה מזה מנורה יפה לעצמו, שהיתה כמובן חשובה ויקרה בעיניו, והנה יום אחד צריך היה לחתן את בתו ולא היה לו כסף לצורכי החתונה כי היה עני, מה עשה, הלך לר' נחום פרנס וביקש ממנו שיתן לו הלוואה שאותה הבטיח להחזיר לשיעורין, אמר לו ר' נחום: מנין יהי' לך כסף לשלם, הרי באמת אין לך, ברם יש לי עצה בשבילך, הלא יש לך מנורה יפה שאותה יצרת ממטבעות הכסף שקיבלת מהרה"ק הרבי ר' זושא, אם כן, תן לי את המנורה ואני אתן לך בתמורתה את כל ההוצאות הדרושות לך לחתונת בתך, נצבט לבו של ר' יחיאל והיה נבוך, הוא מאוד לא רצה למסור את המנורה, זמן רב עבר עליו עד שהצליח לאסוף לו מטבעות שיספיק ליצור מהן מנורה, ואף פעם לא היה מוכן למכור את המטבעות שקיבל מן הצדיק, ועכשיו אחרי שכבר השקיע עמל רב כל כך והמנורה כ"כ אהובה עליו ימכור אותה, לכן הוא דחה את ההצעה של ר' נחום וחזר לביתו, עבר עוד זמן מה, והנה הוא רואה שבכל זאת אין לו ממה לחתן את בתו, הוא חכך בדעתו והגיע למסקנה שאין לו כל ברירה אחרת, קם והלך לר' נחום פרנס, מכר לו את המנורה, וקיבל לידו את הכסף ור' יחיאל חיתן את בתו והכל נשכח.

אמנם, המשיך הרה"ק ר' משה לייב בסיפורו - כשמת ר' נחום פרנס, הוא בא לעולם העליון ופסקו לו שם גן עדן, ובמיוחד על המצוה הזו של הכנסת כלה, שנתן נדוניא שיוכלו לחתן בת ישראל, ונתנו לו את המלאך שנברא ממצוה זו שיוביל אותו לגן עדן, אבל מלאך זה הוא עיוור, והמלאך בהיותו עיוור, מתחיל להוביל אותו אבל לא רואה איפה הוא הגן עדן, ועד היום הוא ממשיך להוביל אותו ולא הגיע למקום המיועד, אבל אני ידעתי את המעשה, וידעתי למה הוא עיוור, כי ר' נחום פרנס עבר על "לא תחמוד" וחמד את המנורה של ר' יחיאל צורף, וכאשר חטא בעינים בחמדת המנורה, היתה מצוות הכנסת כלה שקיים פגומה, וממילא גרם שהמלאך יהי' פגום, כי רק כאשר המצוה הוא שלימה המלאך הוא שלם, מה עשיתי, דאגתי שבנו של ר' נחום פרנס יתן לי את המנורה במתנה גמורה, ועכשיו אני מוסר אותה לך ר' יחיאל צורף נכדו במתנה גמורה, והיוצא מזה שתוקן החטא של "לא תחמוד" שעבר ר' יחיאל צורף כשקיים את מצות הכנסת כלה, כי החזרתי את המנורה לנכד של ר' יחיאל, ועכשיו המלאך כבר מצא את הגן עדן, ור' נחום פרנס כבר יושב בתוכו.

בס"ד

# ספר הקדוש בני יששכר על חנוכה

עס איז ידוע אז דער הייליגער בני יששכר זי"ע האט אין זיין הייליגן ספר געשריבן מורא'דיגע ענינים אויפן יו"ט חנוכה, און יעדער חסיד'ישער איד ווייסט אז אין די הכנות צו די ימי החנוכה לערנט מען דעם ספה"ק בני יששכר.

דער בני יששכר האט אליינס מעיד געווען אויף זיך זאגנדיג אז מ'זאל אים נישט פרעגן קיין שום זאכן בעניני חנוכה, ווייל עס האבן זיך פאר אים געעפענט די קוועלער פון חכמה אין עניני חנוכה אז זיין מח דערהייבט ניטאמאל די גרויסע השפעה.

ער פלעגט אלס חוקר זיין צי ער איז נישט קיין כהן, שפירנדיג אז ער האט א נאנטן שייכות מיטן יו"ט חנוכה, און מיטן נס מציאת פך השמן.

איז געווען אמאל ווען איינער פון די תושבים פון די שטאט איז געפארן קיין לובלין, און וויבאלד אלע אידן וואס זענען געפארן מיטן אים זענען אריין צום רבי'ן פון לובלין איז ער אויך אריין. זעהנדיג אז יעדער לאזט זיך שרייבן א קוויטלביים גבאי'ן, האט ער געטראכט אז דער רב אין זיין שטאט האט דאך א שיינע שריפט, די קומענדיגע מאל וואס ער וועט קומען קיין לובלין וועט ער מיטברענגען א קוויטל וואס זיין רב האט געשריבן. וכך הוה.

ווען דער הייליגער חוזה האט געזעהן די קוויטל האט ער זיך אנגערופן "ווען דו קומסט נאכאמאל זאלסטו מיטברענגען א קוויטל פון דיין רב וואס ער שרייבט פאר זיך אליין".

דער איד האט געבעטן פונעם בני יששכר אז ער זאל אים געבן א קוויטל וואו ער איז זיך אליינס מזכיר ביים רבי'ן פון לובלין. ווען דער חוזה האט דאס געזעהן האט ער געזאגט אז ער וויל אז דער בני יששכר אליין זאל קומען צו אים.

ווען דער בני יששכר איז אנגעקומען האט אים דער חוזה אויפגענומען מיט גרויס כבוד, און ער האט אים געזאגט "איר זענט נישט קיין כהן, נאר אייער נשמה שטאמט פון די נשמות פון די סנהדרין וואס זענען געקומען פון שבט יששכר, וואס די זענען געווען די סנהדרין פון די חשמונאים, און מהאי טעמא שפירט איר אזא הארה ווען איר זענט עוסק אין עניני חנוכה.

דאן האט דער בני יששכר א נאמען געגעבן פאר זיין ספר הקדוש בני יששכר.

בס"ד

# בימי מתתיהו

## דער נס פון רעטונג

לכבוד דעם יום טוב חנוכה וועלן מיר דא לערנען פארשידענע וויכטיגע ידיעות וואס איז שייך צו דעם יו"ט און צום זמן פונעם נס.

**בשנת ג"א ת"ח** איז דער צווייטער ביהמ"ק געבויעט געווארן אין די תקופה פון די לעצטע נביאים די אנשי כנסת הגדולה, עזרא, נחמי', חגי, זכרי' און מלאכי. וואס די תקופה האט אנגעהאלטן 40 יאר.

**בשנת ג"א תמ"ח** האט שוין קיינער פון די נביאים נישט געלעבט, און שמעון הצדיק, משיירי כנסת הגדולה, דער ערשטער תנא, איז געווען דער כהן גדול 40 יאר און ער האט געפירט דעם כלל ישראל אויפן שענסטן פארנעם.

נאך איהם איז געווען זיין תלמיד אנטיגנוס איש סוכו, וואס צווישן זיינע תלמידים זענען געווען צדוק וביתוס, די ערשטע אפיקורסים ביי כלל ישראל, וואס פון זיי האט זיך אנגעהויבן א באגריף פון "צדוקים ובייתוסים", וואס איז שפעטער אנגערופן געווארן "מתיוונים", ד.ה. אז זיי האבן נוטה געווען צו די דרכי יון.

אין די תקופה פונעם צווייטן ביהמ"ק האבן שוין די ערליכע אידן נישט געהאט דעם כח ווי ביים ערשטן ביהמ"ק, ווען זיי זענען שוין געווען אונטער די גוי'אישע מלוכה, און ווי מער די אידן האבן זיך אליינס אפגעלאזט פון די תורה, זענען זיי אלס מער אונטערגעפאלן די גוים.

**ביז שנת ג"א תקמ"ו** איז די כהונה גדולה געווען ביי די ברודער פון שמעון הצדיק וואס זענען געווען ערליכע אידן, נאך זייער פטירה איז דאס צוריק געקומען צו שמעון הצדיק'ס זוהן חוניו וואס האט שוין ליידער נוטה געווען צו די מתיוונים, און ער האט אויפגענומען אלס זיין יועץ זיין פלומעניק א מתיוון יוסף בן טובי', וועלכער האט געפירט זיין גאנג אויפן וועג אראפ. ער איז געווארן גרוים ביים מלך מצרים, און אנגעהויבן צו מאכן צרות פאר די אידן.

דאס איז געווען אין די צייטן פונעם "זוג הראשון" יוסי בן יועזר און יוסי בן יוחנן".

אין די שפעטער ת"ק יארן האבן זיך די מתיוונים געהאלטן אין איין שטארקן, עס זענען געווען ביי די ערליכע אידן פארשידענע זמנים עליות און ירידות.

צווישן די ערליכע כהנים גדולים איז געווען יוחנן כהן גדול בן שמעון הצדיק, וואס אין די גמרא ווערט דערציילט איבער אסאך וויכטיגע תקנות וואס ער האט מתקן געווען לטובת הדת.

נאך אים איז געווען מתתיהו בן יוחנן כהן גדול חשמונאי.

עס איז א גרויסע מחלוקה ווער עס איז געווען דער כהן גדול צי מתתיהו איז געווען א זון פון יוחנן כהן גדול, צי ער אליין איז געווען דער כהן גדול, עס איז דא א שטארק אנגענומענע דעה אז נישט מתתיהו און נישט יוחנן זענען געווען כהנים גדולים,

נאר וויבאלד מתתיהו איז געווען פון די עלטסטע און חשוב׳סטע כהנים, און ער איז געווען דער מנהיג הדור האט מען אים גערופן מיט דעם נאמען ״כהן גדול״, דאס מיינט אבער נישט אז ער האט געטון די עבודה אין בית המקדש. דער גרעסטער טייל פון די ספרי קורות הדורות נעמען נישט אן אז מתתיהו איז געווען א זון פון ״יוחנן כהן גדול״ וואס ווערט דערמאנט אין חז״ל מיט די פולע תקנות וואס ער האט מתקן געווען, און וועלכער איז שפעטער געווארן א צדוקי, וואס דאס איז הערשט געווען ביי אן אייניקל פון די מלכות בית חשמונאי מיט עטליכע דורות שפעטער.

מלכות בית חשמונאי איז געגרינדעט געווארן בשנת תקצ״א. כאטש די חשמונאים זענען געווען צדיקים, און האבן געמיינט נאר לשם שמים, איז דאס אבער געווען א עבירה צו נעמען א מלוכה נישט זייענדיג פון שבט יהודה. און די גאנצע משפחה איז שטארק נענש געווארן דערויף.

זיינע פינף זון זענען געווען, יוחנן, שמעון, יהודה, אלעזר, יונתן, און איין איינציגע טאכטער.

אין יענע צייטן איז געווען דער מלך יון אנטיכוס הרשע וועלכער האט ארויסגעגעבן שווערע גזירות קעגן אידישע קינדער, ווילנדיג צוברענגען אלע אידן צו די טמאּ׳נע וועגן פון די יוונים, זיי האבן גוזר געווען גזירות קעגן חודש, מילה, שבת, און אז מ׳זאל אויפשרייבן אין לנו חלק ונחלה בא׳ ישראל ר״ל.

**ג״א תרי״ח** – איז אנטיכוס הרשע אריין אין בית המקדש, בארויבט די כלי הקודש, און אפגעשטעלט די עבודת התמיד.

די חשמונאים האבן געזעהן דעם שווערן מצב, זענען זיי אנטלאפן קיין מודיעין, און זענען ווייטער אנגעגאנגען מיט שמירת תורה ומצות בסתר.

**ג״א תרכ״א** – האבן די חשמונאים ערקלערט א מרידה קעגן אנטיכוס, זיי האבן צוזאמען גענומען די ערליכע אידן וואס זענען גרייט געווען אויף די מלחמה. זיי האבן גע׳מל׳עט זייערע קינדער, און געדינט דעם אייבערשטן.

**ג״א תרכ״ב** – מתתיהו איז נפטר געווארן, און זיין זון יהודה המכבי האט איבערגענומען די מלוכה, וואס ער האט געפירט זעקס יאר מיט גרויס הצלחה. במשך די זעקס יאר האט ער געפירט אסאך מלחמות און אויסגע׳הרג׳עט די שונאי ישראל.

דער נאמען **מכבי** איז ר״ת **מ**׳י **כ**׳מוך **ב**׳אלים **י**׳, אדער **ב**׳רוך **כ**׳בוד **י**׳ **מ**׳מקומו, **מ**׳תתיהו **כ**׳הן **ב**׳ן **י**׳וחנן. אויף די יוני׳שע שפראך מיינט דאס א גיבור ואיש מלחמה.

די שטארקסטע הצלחה פון די הייליגע חשמונאים איז געווען ווען זיי האבן מצליח געווען צו פירן די מלחמה קעגן די יוונים, כאטש עס איז געווען אוממעגליך אז זיי זאלן מנצח זיין האט דער אייבערשטער געוויזן אומגלויבליכע נסים, ווען ער האט איבערגעגעבן רבים ביד מעטים, גיבורים ביד חלשים, אנטיכוס הרשע איז געשטארבן מיט א מיתה משונה און די חשמונאים זענען אריינגעקומען אין ביהמ״ק, און מטהר געווען דעם מקום און צוריק באנייט די הייליגע עבודה.

**כ״ה כסלו ג״א תרכ״ב** – האט מען ברחמי ה׳ געטראפן דעם איינציגסטן פך שמן טהור צו צינדן די מנורה.

בעזהשי"ת

# קונטרס

# מאי חנוכה

**חידושי תורה, שאלות, חידודים, און נאך, אויף חנוכה**

יו"ל ע"י כיתה ו'

דתלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

קרית יואל – בני ברק



בס"ד

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## קרית יואל - בני ברק

## כיתות ו'

הר"ר יואל וויינבערגער הי"ו - והר"ר מרדכי מנחם שווארץ הי"ו

### שטעל אויס די אלע זאכן מיט א נומער

### לויט סדר וואס מען טוט צום ערשט - די ערשטע נאכט

- מען זינגט מעוז צור ☐
- מען זאגט על הנסים ☐
- די ברכה פון שהחיינו ☐
- מען גרייט אן די מנורה ☐
- מען עסט די נאכט סעודה ☐
- די ברכה פון להדליק נר חנוכה ☐
- מען גיסט אריין אויל ☐
- די ברכה פון שעשה נסים ☐
- מען צינדט אן די מנורה ☐

### וואס טוט מען קודם ביים דאווענען - חנוכה

- מען זאגט הלל ☐
- מען זאגט על הנסים ☐
- מען לייגט תפילין ☐
- מען ליינט קריאת התורה נשיא ☐

בס"ד


**תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר**

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

**קרית יואל - בני ברק**

**כיתות ו'**

הר"ר יואל וויינבערגער הי"ו - והר"ר מרדכי מנחם שווארץ הי"ו


# שאלות לחנוכה

**א)** היכי תמצא, אחד נולד יום אחד אחרי חנוכה, והבר מצוה שלו יהיה ביום האחרון של חנוכה ? והשני נולד ביום האחרון של חנוכה, והבר מצוה שלו יהיה יום אחד אחרי חנוכה ?

______________________________

______________________________

**ב)** ורבים ביד מעטים, האם אתה יודע כמה היו המעטים שלחמו בהיוונים ונצחום ? (רש"י דברים ל"ג, י"א)

______________________________

**ג)** תכתוב כאן תירוץ אחד (לפחות) על קושיית הבית יוסף !

______________________________

______________________________

______________________________

______________________________

**ד)** דו קענסט אפשר איבער שרייבן די דריידל אן אויפהייבן די פעדער און אויך נישט איבער גיין אויף וואס מ'האט שוין געשריבן ?



בס"ד

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## קרית יואל - בני ברק

## כיתות ו'

הר"ר יואל וויינבערגער הי"ו - והר"ר מרדכי מנחם שווארץ הי"ו

## פארוואס צינדט מען אכט טעג ?

מיר זאגן אין על הנסים "והדליקו נרות בחצרות קדשך" אז די חשמונאים האבן געצינדן די מנורה אין חצר פונעם בית המקדש. פרעגט דערויף דער ספר זרע יעקב, פארוואס האבן זיי נישט געצינדן די מנורה אינעווייניג אין בית המקדש, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ?

ענטפערט דערויף דער רבי זי"ע (ליל ב' דחנוכה תשט"ז) אז באמת האבן די חשמונאים יא געצינדן די מנורה אינעווייניג, נאר באלד דערנאך איז געשעהן א נס אז דאס קריגל איז צוריק אנגעפילט געווארן, און אזוי ווי די חשמונאים האבן געזעהן די נס, אויך האבן זיי געהאט בקבלה אז עס וועט געשעהן דער נס חנוכה, אזוי ווי דער רמב"ן הק' ברענגט פון מדרש, דערפאר האבן די חשמונאים געניצט דאס אויל פאר א צווייטע מנורה, און דאס אנגעצינדן אין חצר פון בית המקדש, כדי דערמיט מפרסם זיין פארן גאנצן כלל ישראל דעם גרויסן נס, אז דאס קריגל אויל איז נאכאמאל פיל געווארן, און אזוי איז יעדן טאג געווען א דאפלטע נס, ווייל דאס קריגל איז צוויי מאל אנגעפילט געווארן - איינמאל נאכן צינדן די מנורה אין בית המקדש, און איינמאל נאכן צינדן די מנורה אין חצר.

מיט דעם - זאגט דער רבי זי"ע - וועט אויך זיין פארענטפערט די קשיא פון בית יוסף פארוואס האלטן מיר אכט טעג חנוכה, לויט דעם קען מען זאגן ווייל דעם ערשטן טאג איז אויך שוין געווען א נס, ווייל אינעם קריגל איז נאר געווען גענוג אויל צו צינדן אויף איין נאכט און נאר פאר איין מנורה, איז אבער געשעהן א נס אז מען האט געהאט דערפון גענוג אויל צו צינדן אין צוויי מנורות, סיי אין די מנורה פון בית המקדש, און סיי אין די מנורה פונעם חצר. (דברי יואל)

## פארוואס האט דער בני יששכר געפילט אזא גרויסן טעם אין חנוכה ?

הרה"ק רבי צבי אלימלך מדינוב זי"ע (בעל בני יששכר) אמאל פארנדיג קיין לובלין, צום הייליגן חוזה זי"ע, איז איהם פלוצלינג דערוועקט געווארן א מחשבה צו קלערן פון וועלכן שבט ער קומט ארויס, ווען ער האט זיך אין די שאלה מער פארטיפט, איז איהם ארויפגעקומען אין די געדאנקען אז שטענדיג ווען עס קומט צו די חנוכה טעג, איז ער מרגיש א באזונדערע התעוררות פון פיל קדושה, אפשר איז דאס א סימן אז ער שטאמט פון די כהנים די חשמונאים, דאס קען דאך נישט זיין, האט ער געטראכט, ווייל ער איז דאך נישט קיין כהן, איז איהם געבליבן שווער, פון וואו נעמט זיך דאס צו איהם אזא אויסערגעוועגלעך וואונדערליכע הרגשה אין די טעג פון חנוכה, האט ער ביי זיך אפגעמאכט אז ווען ער וועט אנקומען צום רבי'ן אין לובלין וועט ער איהם דאס פרעגן, ווען ער איז אנגעקומען אין שטוב פון הייליגן חוזה,, נאך איידער ער האט געפרעגט א ווארט, האט דער חוזה זיך צו איהם אנגערופן, זאלסט וויסן אז דו שטאמסט פון "שבט יששכר", און דאס וואס דו פילסט אין חנוכה עפעס א הוספה פון פיל קדושה, דאס איז ווייל דו ביסט דעמאלטס געווען פונעם בית דין ביי די חשמונאים (וועלכע האבן מתקן געווען די אלע ענינים פון חנוכה, זאגן הלל, צינדן די ליכט, מיט אלע זייערע הלכות).

און דערפאר האט ער א נאמען געגעבן פאר זיין ספר וועלכע ער האט שפעטער מחבר געווען אויף די חדשים און ימים טובים פון יאר, "בני יששכר".

בס"ד

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## קרית יואל - בני ברק

## כיתות ו'

הר"ר יואל וויינבערגער הי"ו - והר"ר מרדכי מנחם שווארץ הי"ו

# דאס גרויסקייט פון מצות "נר חנוכה" און אירע סגולות

**א)** די גמרא זאגט: ווער עס איז געוואוינט מקיים צו זיין מצות נר חנוכה ווי עס באדארף צו זיין, וועט האבן קינדער תלמידי חכמים. **(שבת כג:)**

**ב)** מען זאל זיין געווארנט נישט צו רעדן קיין איבעריגע דיבורים בשעת ווען די ליכט ברענען, און אז ער וועט אלעס מקיים זיין ווי עס באדארף צו זיין וועט ער זוכה זיין צו זעהן די ליכט פון די מנורה אין בית המקדש. **(יסוד יוסף)**

**ג)** אז מען קוקט אויף די חנוכה ליכט, קען מען אראפ ברענגען אויף זיך די אלע ניסים און ישועות וואס האט דעמאלטס פאסירט.

**ד)** מען דארף קוקן אויף די נרות חנוכה ווייל דורך דעם ברענגט ער ארויף אויף זיך א גרויסע קדושה, און מיט דעם אונטערדריקט ער די שלעכטע כוחות פונעם יצר הרע וואס ליגן אין זיין הארץ. **(רב טוב)**

**ה)** דער אור פון נר חנוכה איז דער אור פון "אור הגנוז" וואס ליגט אין די תורה, אז מען לערנט חנוכה פלייסיג קען מען טרעפן אין די תורה א חלק פון דעם אור. **(בני יששכר)**

**ו)** **משיח** איז די ראשי תיבות **מ'**דליקין **ש'**מונת **י'**מי **ח'**נוכה, דאס איז א רמז אז די מצוה פון נר חנוכה טוט דערנענטערן ביאת המשיח במהרה בימינו. **(זרע קודש)**

**ז)** חנוכה קען מען תשובה טאן אפילו אויף די עבירות וואס העלפט נישט דערויף קיין תשובה... ווייל דער אור הגנוז שיינט זייער ווייט אפילו צו די נידעריגע מענטשן. **(דברי חיים)**

**ח)** דער שכר פון מצות נר חנוכה איז אזוי גרויס, אז דער מענטש וועט האבן מנוחה פון אלע זיינע פראבלעמען וואס נעמען איהם ארום. **(תפארת שלמה)**

**ט)** די ווערטער פון **"מלך רופא נאמן"** באטרעפט **"להדליק נר חנוכה"** ווייל חנוכה איז די צייט וואס מען קען אויסבעטן א רפואה. **(אמרי נועם)**

**י)** אונזערע רבי'ס פון די פריערדיגע דורות האבן געזאגט אז חנוכה איז די צייט וואס מען קען געהאלפן ווערן מיט קינדער. **(בני יששכר)**

**יא)** די חנוכה ליכט איז א סגולה צו פרנסה... ווייל די ראשי תיבות פון די ווערטער "**ע'**מך **י'**שראל **צ'**ריכים **פ'**רנסה", באטרעפט אזוי ווי דערווארט **"נר"**.

**יב)** אזוי אויך איז דאס מרומז אין פסוק (פר' ויגש) וואס יוסף הצדיק האט געזאגט: "כי למחיה שלחני אלקים", ווייל דאס ווארט **"שלחני"** איז די ראשי תיבות "**ל'**הדליק **נ'**ר **ש'**מונת **י'**מי **ח'**נוכה".

בס"ד

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## קרית יואל - בני ברק

## כיתות ו'

**הר"ר יואל וויינבערגער הי"ו - והר"ר מרדכי מנחם שווארץ הי"ו**

# חידות לחנוכה

## חידה א'

מי אני ?
אברהם דיבר אל בְּנַי..., הראשון שלי.
בנו של השני שלי הכניס את בני ישראל לא"י.
השלישי שלי נמצא על עמודי המשכן.
בתוך הרביעי שלי שמו הנשיאים קטורת.
החמישי שלי א' מהדברים שאמר יוסף להמצריים.
בלי האחרון אני לאדם השביעי.
מקצתי בחודש בהתשיעי ומקצתי בחודש העשירי.

## חידה ב')

| | |
|---|---|
| הראשון והשני שלי הוא | מציאת יוסף. |
| השלישי שלי נמצא | בבגדי יוסף. |
| הרביעי שלי הוא (בשקלים) | מחיר יוסף. |
| אות החמישי שלי | ניתוסף ליוסף. |

מה אני ?

## חידה ג')

הראשון והשני שלי אכלו בני ישראל במדבר.
אם תהפוך ב' אותיות האחרונות תמצא דבר גבוה.
האמצעי שלי תמצא אצל עמודי המשכן.
מה אני ?

## חידה ד')

פעם בימי החנוכה למדו ילדים אצל רבם ורצו כבר ללכת הביתה, אמר להם רבם שאם יאמרו מיד כמה נרות מדליקין במשך כל ימי החנוכה ביחד עם השמשים אז יתן להם ללכת הביתה, מיד ענה החכם שבהם (ה"ה הרה"ק הרבי ר' העשיל מקראקא זי"ע) ואמר - הפח נשבר ואנחנו נמלטנו - ואחר שאמר זאת הניח להם רבם ללכת הביתה להדליק הנרות, מה אמר הילד החכם ומה התכוין בזה שרבם יניח אותם ללכת הביתה ?

**(הסיפור המלא הובא בתחילת הספר אוצר הרבי ר' העשיל)**

**התשובה לחידה א'**

______________
______________
______________
______________
______________
______________

**התשובה לחידה ב'**

______________
______________
______________
______________
______________

**התשובה לחידה ג'**

______ ____ ______

**התשובה לחידה ד'**

________________________________
________________________________
________________________________
________________________________

בס"ד

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתיסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## קרית יואל - בני ברק

## כיתות ו'

הר"ר יואל וויינבערגער הי"ו - והר"ר מרדכי מנחם שווארץ הי"ו

# שלשה מי יודע ???

**1) די יוונים האבן געוואלט אויסרייסן די מצוות**

**2) ראשי תיבות פון מכבי, די פאן פון די חשמונאים**

**3) ימים טובים וועגן ניסים וואס הקב"ה האט אונז געמאכט**

**4) די נעמען פון די וואס זענען געווען פארמישט אין די מלחמה**

**5) חנוכה טאר מען נישט טוהן די זאכן**

1) חשמונאים
2) מתיוונים
3) יוונים

שרייב אריין
די ריכטיגע נומער
אין די ליידיגע
קעסטל

1) נישט מספיד זיין
2) נישט פאסטן
3) נישט נוצן די חנוכה לעכט

1) פסח
2) פורים
3) חנוכה

1) מילה
2) חודש
3) שבת

1) מי כמוכה באלים ה'
2) ברוך כבוד ה' ממקומו
3) מתתיהו כהן בן יוחנן

בס"ד


# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## קרית יואל - בני ברק


## כיתות ו'


הר"ר יואל ווייבערגער הי"ו - והר"ר מרדכי מנחם שווארץ הי"ו


### פאנג אן צו גיין פון דער אות י' וואס איז אינמיטן פון די קעסטל

און טרעף אויס די ווערטער:

## יונים נקבצו עלי אזי בימי חשמנים
## ופרצו חומות מגדלי וטמאו כל השמנים

מען קען גיין: גלייך, ארויף, אראפ, רעכט'ס, און לינק'ס מען קען זיך אויך דרייען אינמיטן, אבער שיף קען מען נישט גיין

| | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| נ | ב | ט | ן | כ | ק | ו | ע | ל | י | ג | ז | ל | ע |
| א | ד | ד | ם | ך | ף | צ | ש | א | א | ז | ב | ד | ת |
| ר | א | ע | ש | ק | ף | ב | כ | נ | צ | י | ב | י | ד |
| א | מ | ת | ס | ז | ל | ק | נ | ף | י | ה | י | מ | ט |
| כ | מ | ל | ט | ק | כ | י | ם | ל | ר | ז | ח | ש | ת |
| ח | ד | מ | נ | י | ם | נ | ו | ץ | ד | ו | א | מ | ק |
| ל | ה | ש | ר | י | ל | ד | י | ד | ף | א | ר | נ | י |
| כ | ו | ו | ק | ל | ד | ו | ד | ל | ק | י | ג | ו | ם |
| ה | א | מ | ט | ו | ס | נ | ה | ד | ח | ט | ק | פ | ח |
| כ | ר | א | ן | י | ה | ב | מ | ת | י | ו | צ | ר | ת |
| ט | ד | ל | כ | ל | כ | ץ | ט | ק | כ | ח | ו | פ | ק |
| א | א | ן | ר | ד | ג | מ | ת | ו | מ | ו | ט | ק | ץ |

בס"ד

תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתיסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

קרית יואל - בני ברק

## כיתות ו'

הר"ר יואל וויינבערגער הי"ו - והר"ר מרדכי מנחם שווארץ הי"ו

# שטעל אויס די אלע זאכן לויטן סדר

## וואס מען זאגט צום ערשט שבת - ראש חודש - חנוכה

| | |
|---|---|
| יעלה ויבוא | ☐ |
| אתה יצרת | ☐ |
| הדלקת נר חנוכה (מוצ"ש) | ☐ |
| הבדלה | ☐ |
| קריאת התורה (נשיא) | ☐ |
| הדלקת נרות שבת | ☐ |
| רצה והחליצנו | ☐ |
| בורא מאורי האש | ☐ |
| על הנסים (בברכת המזון) | ☐ |
| קריאת התורה (ראש חודש) | ☐ |
| הדלקת נר חנוכה (ערב שבת) | ☐ |
| בורא מיני בשמים | ☐ |
| אתה חוננתנו | ☐ |
| קריאת התורה (פרשת השבוע) | ☐ |

תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר
בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א
קרית יואל - בני ברק
כיתות ו'
הר"ר יואל וויינבערגער הי"ו - והר"ר מרדכי מנחם שווארץ הי"ו

# מעשיות פון צדיקים

דִי דְרִיטֶע טָאג 

דִי פֶערְטֶע טָאג 

דִי פִינֶעפְטֶע טָאג 

דִי זֶעקְסְטֶע טָאג 

דִי זִיבֶּעטֶע טָאג 

דִי אַכְטֶע טָאג 

# לְהוֹדוֹת וּלְהַלֵּל

**וְעַל הַנִּסִּים וְעַל הַפֻּרְקָן וְעַל הַגְּבוּרוֹת וְעַל הַתְּשׁוּעוֹת וְעַל הַנִּפְלָאוֹת וְעַל הַנֶּחָמוֹת וְעַל הַמִּלְחָמוֹת שֶׁעָשִׂיתָ לַאֲבוֹתֵינוּ בַּיָּמִים הָהֵם בִּזְּמַן הַזֶּה:**

בִּימֵי מַתִּתְיָהוּ בֶּן יוֹחָנָן כֹּהֵן גָּדוֹל חַשְׁמוֹנָאִי וּבָנָיו. כְּשֶׁעָמְדָה מַלְכוּת יָוָן הָרְשָׁעָה עַל עַמְּךָ יִשְׂרָאֵל לְהַשְׁכִּיחָם תּוֹרָתֶךָ וּלְהַעֲבִירָם מֵחֻקֵּי רְצוֹנֶךָ: וְאַתָּה בְּרַחֲמֶיךָ הָרַבִּים עָמַדְתָּ לָהֶם בְּעֵת צָרָתָם. רַבְתָּ אֶת רִיבָם. דַּנְתָּ אֶת דִּינָם. נָקַמְתָּ אֶת נִקְמָתָם. מָסַרְתָּ גִּבּוֹרִים בְּיַד חַלָּשִׁים. וְרַבִּים בְּיַד מְעַטִּים. וּטְמֵאִים בְּיַד טְהוֹרִים. וּרְשָׁעִים בְּיַד צַדִּיקִים. וְזֵדִים בְּיַד עוֹסְקֵי תוֹרָתֶךָ. וּלְךָ עָשִׂיתָ שֵׁם גָּדוֹל וְקָדוֹשׁ בְּעוֹלָמֶךָ. וּלְעַמְּךָ יִשְׂרָאֵל עָשִׂיתָ תְּשׁוּעָה גְדוֹלָה וּפֻרְקָן כְּהַיּוֹם הַזֶּה: וְאַחַר כַּךְ בָּאוּ בָנֶיךָ לִדְבִיר בֵּיתֶךָ. וּפִנּוּ אֶת הֵיכָלֶךָ. וְטִהֲרוּ אֶת מִקְדָּשֶׁךָ. וְהִדְלִיקוּ נֵרוֹת בְּחַצְרוֹת קָדְשֶׁךָ. וְקָבְעוּ שְׁמוֹנַת יְמֵי חֲנֻכָּה אֵלּוּ. לְהוֹדוֹת וּלְהַלֵּל לְשִׁמְךָ הַגָּדוֹל:

# הַשִּׁיר וְהַשֶּׁבַח

יְוָנִים נִקְבְּצוּ עָלַי אֲזַי בִּימֵי חַשְׁמַנִּים. וּפָרְצוּ חוֹמוֹת מִגְדָּלַי וְטִמְּאוּ כָּל הַשְּׁמָנִים. וּמִנּוֹתַר קַנְקַנִּים נַעֲשָׂה נֵס לַשּׁוֹשַׁנִּים. בְּנֵי בִינָה יְמֵי שְׁמוֹנָה קָבְעוּ שִׁיר וּרְנָנִים:

וּלְךָ עָשִׂיתָ שֵׁם גָּדוֹל וְקָדוֹשׁ בְּעוֹלָמֶךָ. וּלְעַמְּךָ יִשְׂרָאֵל עָשִׂיתָ תְּשׁוּעָה גְדוֹלָה וּפֻרְקָן כְּהַיּוֹם הַזֶּה:

הַנֵּרוֹת הַלָּלוּ דִי דָאזִיגֶע לִיכְט
אָנוּ מַדְלִיקִים וָואס מִיר צִינְדְן
אָן
עַל הַנִּסִּים וְעַל הַנִּפְלָאוֹת אוֹיף
דִי וואוּנְדֶער
אָן אַ צָאל, וָואס מִיר הָאבְּן
גֶענָאסְן אַמָאל

פִּזְמוֹן:

בְּרֶענְט לִיכְטַאלַאךְ בְּרֶענְט
בְּרֶענְט וִוי וֵוייט אִיר קֶענְט
וֵוייל אֵייעֶר פֵּייעֶר אִיז הֵיילִיג
אוּן טֵייעֶר
עֶס בַּאשֵׁיינְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט
וֵוייל אֵייעֶר פֵּייעֶר אִיז הֵיילִיג
אוּן טֵייעֶר
עֶס בַּאשֵׁיינְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט

קוּמְט אַהֶער קִינְדֶערְלַאךְ
שֵׁיינִינְקֶע אִינְגַאלַאךְ
בֶּעט בֵּיי דִי מַאמֶע דִי חֲנוּכָּה
דְרֵיידַאלַאךְ
בֶּעט בֵּיי דֶעם טַאטְן דִי חֲנוּכָּה
גֶעלְט
וֵוייל דֶער נֵס פוּן חֲנוּכָּה שֵׁיינְט
אוֹיף דֶער וֶועלְט

פִּזְמוֹן:

אוֹי חֲנוּכָּה אוֹי חֲנוּכָּה
אַ יוֹם טוֹב אַ שֵׁיינֶע
אַ לִיסְטִיגֶע אַ פְרֵיילִיכֶע
נִישְׁט דָא נָאךְ אַ זֵיינֶע
אַלֶע נַאכְט מִיט דְרֵיידֶעלֶעךְ
שְׁפִּילְן מִיר
הֵייסֶע זִיסֶע לַאטְקֶעס עֶסְן מִיר
אָן אַ שִׁיעוּר

דֶערִיבֶּער
צִינְדְט קִינְדֶער
דִי חֲנוּכָּה לִיכְטֶעלֶעךְ אָן
זָאגְט עַל הַנִּסִּים
מִיר דַאנְקֶען פַאר דִי נִסִּים
אוּן לָאמִיר אַלֶע טַאנְצְן אוּן אַ
רָאנְד

יְהוּדָה הָאט פַארְטְרִיבְּן דֶעם
רָשָׁע דֶעם רוֹצֵחַ
אוּן מֶען הָאט אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ
גֶעזִינְגֶען לַמְנַצֵּחַ
דִי שְׁטָאט יְרוּשָׁלַיִם הָאט
יְהוּדָה אוֹיפְגֶעלֶעבְּט
אוּן צוּ אַ נֵייעֶם לֶעבְּן הָאט אַ
יֶעדֶער אִיד גֶעשְׁטְרֶעבְּט

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א | בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

קרית יואל | בני ברק

שם ______________________

## עס איז בעסער צו לערנען די הייליגע תורה

**פַּרְשַׁת מִקֵּץ**



## מער פון אלע געלד און זילבער

בעזהשי"ת

# שַׁאֲלוֹת אוֹיף פַּרְשַׁת

# מִקֵּץ

(טֵייעֶרֶע יוּנְגֶל, נֶעם אַרוּם דִי רִיכְטִיגֶע עֶנְטְפֶער)

## וִויפִיל חֲלוֹמוֹת הָאט פַּרְעֹה גֶע'חָלוֹמְ'ט ?

אֵיינְס צְוֵויי דְרֵיי

## וִויפִיל קִיהֶען אוּן זַאנְגֶען הָאט פַּרְעֹה גֶעזֶעהְן אִין חָלוֹם ?

פִינֶעף זֶעקְס זִיבְּן

## וֶוער הָאט גֶעזָאגְט פַאר פַּרְעֹה אַז יוֹסֵף קֶען בַּאשֵׁיידְן דִי חָלוֹם?

דֶער שַׂר הַמַשְׁקִים דֶער שַׂר הָאוֹפִים פּוֹטִיפַר

## בַּיי וֶועמֶען'ס זַאק הָאט מֶען גֶעטְרָאפְן דִי בֶעכֶער פוּן דִי מִשְׁנֶה לְמֶלֶךְ ?

רְאוּבֵן יְהוּדָה בִּנְיָמִין

## וָואס הָאט גֶעפֶעלְט פַאר דֶער מִשְׁנֶה לְמֶלֶךְ ?

אַ בֶּעכֶער אַ לֵייכְטֶער אַ בֶּערְזֶל

# לֵיינֶען און פַארְשְטֵיין

## פַּרְשַׁת מִקֵּץ

פַּרְעֹה הָאט זִיךְ גֶע'חָלוֹמְ'ט צְוֵויי חֲלוֹמוֹת, מְ'הָאט גֶעבְּרֶענְגְט יוֹסֵף פוּן תְּפִיסָה צוּ בַּאשֵׁיידְן דִי חֲלוֹמוֹת פוּן פַּרְעֹה, און עֶר זָאגְט אִים אַז סְ'וֶועט זֵיין זִיבְּן זֶעטֶע יָארְן און זִיבְּן הוּנְגֶער יָארְן, יוֹסֵף גֶעבְּט אַ עֵצָה צוּ בַּאהַאלְטְן עֶסְן אִין גְרוֹיסֶע פְּלֶעצֶער, און עֶר אִיז גֶעוָוארְן דֶער מִשְׁנֶה לְמֶלֶךְ אִין לַאנְד מִצְרַיִם, דִי מִצְרִיִים הָאבְּן בַּאהַאלְטְן עֶסְן, אָבֶּער אַלֶעס אִיז גֶעוָוארְן פַארְפוֹילְט, און יֶעדֶער אִיז גֶעקוּמֶען קוֹיפְן עֶסְן פוּן יוֹסֵף וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען דֶער מִשְׁנֶה לְמֶלֶךְ און עֶר אִיז זֵייעֶר רֵייךְ גֶעוָוארְן.

# עֶס אִיז דָא צוּשְׁפְּרֵייט אוֹתִיוֹת

## טְרֶעף אוֹיס דִי וֶוערְטֶער:

- ☐ מִקֵץ
- ☐ פַּרְעֹה
- ☐ חֲלוֹמוֹת
- ☐ יוֹסֵף
- ☐ שַׂר הַמַשְׁקִים
- ☐ חֲנוּכָּה

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| פַּ | שַׂ | חֲ | מִ | י |
| רְ | ר | ל | קֵ | וֹ |
| עֹ | הַ | וֹ | ץ | סֵ |
| ה | מַ | מ | חֲ | ף |
| י | שְׁ | וֹ | נ | דִ |
| א | קִ | ת | וּ | קָ |
| טֶ | י | י | כָּ | מִ |
| חַ | ם | חַ | ה | ע |

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל סאטמאר

קרית יואל - בני ברק



נתייסד ע"י כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר עט"ר שליט"א

# ח נ ו כ ה



## כיתה א׳ (א-ב)

הר"ר משה ראטה הי"ו

הר"ר אהרן ווייסהויז הי"ו

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

# קרית יואל - בני ברק

## ענינים וואס מיר האבן פארציילט פון חנוכה

### חנוכה

חנוכה מיינט חנו כ"ה, חנו איז טייטש גערוהט, (די אידן האבן גערוהט פון די יונים) כ"ה 25 טאג אין חודש כסלו, אין די טעג פרייט מען זיך און מען דאנקט פאר די אייבישטער און מען צינט אן חנוכה ליכט, ווייל דער אייבישטער האט געמאכט גרויסע נסים מיט די אידישע קינדער.

### די גזירות פון אנטיוכוס

ווען די אידן האבן נאך געהאט אַ בית המקדש אין די הייליגע שטאט ירושלים, איז געווען אין בית המקדש הייליגע כלים, און דארטן זענען געווען כהנים וואס האבן געטאן די הייליגע ארבעט, דארט איז געווען אַ גרויסע שיינע גאלדענע מנורה, און יעדן טאג האט די כהן גדול אנגעצינדען די מנורה זיבן ליכט מיט ריינע שמן זית, דאס איז געווען הייליגע שמן וואס איז געווען נאר פאר די מנורה פון בית המקדש.

אין לאנד יון האבן געוואוינט גוים וואס זיי רופט מען די יונים, זיי האבן געהאט אַ שטארקע קעניג, ער האט געהייסן אנטיוכוס, אלע האבן מורא געהאט פון איהם ווייל ער איז געווען זייער שטארק, דער אנטיוכוס האט נישט געוואלט אז די אידן זאלן זיין אנדערש ווי אלע גוים האט ער קודם נישט געלאזט מאכן דריי מצוות, ער לאזט נישט האלטן די הייליגע שבת קודש מ'זאל נישט גיין אין שוהל שבת מ'זאל נישט מאכן קידוש די טאטע האט געמאכט קידוש שטילערהייט אז די יונים גוים זאלן נישט הערן און די מאמע זאל נישט צינדן שבת ליכטלעך ווען די מאמעס האבן געמינדן ליכט האט מען פארדעקט די פענסטער אז די יונים גוים זאלן נישט זהען וויאזוי סברענט די שבת ליכט , און אויך זאל מען נישט מאכן פאר א באבעלע אינגעלע א ברית ווען מ'גיט פאר די באבעלע א נאמען און ביינאכט פאר די ברית האט מען נישט געקענט מאכן א קר"ש ליינען, און מ'זאל נישט מאכן ראש חודש מיט די אלע יו"ט.

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

# קרית יואל - בני ברק

## להשכיחם תורתיך

אויך לאזט ער נישט לערנען די הייליגע תורה, ער האט געשיקט די פאליציי זאלן צומאכן די חדר אז מ'זאל נישט קענען דארט אריין גיין, די רבי מיט די קינדער קומען אן צופרי אין חדר, די פאליציי שטייען ביי די טיהרן און לאזן נישט פאר קיינעם נישט אריין גיין אין חדר.

די אידישע אינגעלך האבן געוואלט גיין אין חדר, אין די חדר איז געווען פארשפארט, זענען זיי געגאנגען צו זייער רבי אין שטוב, און געבעטן פון זייער רבי, אונז וויל מיר לערנען די הייליגע תורה, איז דער רבי מיט זיי געגאנגען און אַ וואלד, א וואלד איז א פלאץ וואס קיינער וואוינט נישט דארט ס'איז גארנישט דא דארט נאר ביימער, אלע אינגלעך האבן זיך אראפ געזעצט אונטער א בוים און דארט האט דער רבי געלערנט מיט די קינדער די הייליגע תורה, צוויי קינדער האבן א גאנצע צייט געקוקט אויב ס'קומען די יוונים גוים, אויב האבן זיי געזעהן אז די יונים גוים קומען האבן אלע קינדער שנעל באהאלטן די סידורים מיט די חומשים אונטער די מאנטלעך און מ'האט זיך געשפילט דריידלעך, די יוונים פרעגן פאר די רבי מיט די קינדער וואס מאכן ענק דא אין וואלד, זאגן זיי אז זיי שפילן דריידל און די יוונים האבן זיי גארנישט געמאכט, און ווען די יוונים זענען אוועק געגאנגען האט מען צוריק ארויס גענומען די סידורים מיט די חומשים און ווייטער געלערנט, אין וואלד האט מען אויך געמאכט די ברית פאר אלע באבעלעך וואס זענען געבוירן אז די יוונים זאלן זיי נישט כאפן מאכן א ברית.

די יוונים גוים האבן אויך נישט געלאזט פאר די טאטעס גיין יעדן טאג צופרי אין מקוה, און דער אייבישטער האט געמאכט א נס אז ס'איז געווארן ביי יעדע שטוב א מקוה אז די טאטעס זאלן זיך קענען טובל'ן אין א מקוה פאר'ן דאווענען צופרי און ערב שבת לכבוד שבת קודש, און נאך אסאך צרות האבן זיי געמאכט פאר די אידן, ביז ווען אנטיוכוס האט געשיקט אסאך סאלדאטן צו קומען מלחמה האלטן אין ירושלים, די גוים זענען אריין אין די הייליגע בית המקדש און אויסגעלאשן די מנורה און אלעס טמא געמאכט און אלעס צובראכן זיי האבן חרוב געמאכט די גאנצע בית המקדש און זיי האבן דארט אריין געלייגט אין בית המקדש א געטשקע (א קלאץ) אז מ'זאל דאווענען פאר די געטשקע און נישט חלילה פאר די אייבישטער.

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

# קרית יואל - בני ברק

## די מעשה פון חנה מיט די זיבן קינדער

אנטיוכוס האט געהייסן מען זאל רופן חנה מיט איהרע 7 קינדער, אנטיוכוס האט געזאגט פאר'ן גרויסן ברודער ער זאל זיך בוקן צו די געטשקעס (ע"ז), אבער ער האט נישט מסכים געווען און ער האט געשריגן ניין! איך ביק זיך נישט צו די געטשקעס, אנטיוכוס האט זיך זייער אויפגערעגט און ער האט געהייסן מ'זאל איהם הרג'ענען.

נאכדעם האט אנטיוכוס געזאגט פאר'ן צווייטן ברודער ער זאל זיך ביקן צו די געטשקעס, און אויך ער האט געשריגן ניין ! איך וועל זיך נישט ביקן צו די געטשקעס, און מ'האט איהם גע'הרג'עט, אזוי האט ער גע'הרג'עט אלע ברודער'ס.

ווען ער איז אנגעקומען צו דער קליינער ברודער האט ער געזאגט: איך וועל אראפ ווארפן מיין רינגל און די וועסט דאס אויפהייבן אזוי וועסטו זיך ביקן, האט ער אויך געשריגן ניין ! ניין ! און מ'האט איהם אויך גע'הרג'עט, און נאכדעם איז חנה אויך נפטר געווארן, און ס'איז ארויסגעקומען א בת קול און געזאגט "וואויל איז פאר חנה מיט איהערע 7 קינדער.

## נס חנוכה

ביז עס זענען געקומען די חשמונאים די 5 קינדער פון מתתיהו כהן גדול זיי זענען געווען גרויסע צדיקים און זיי האבן געזאגט פאר די אידן קומטס לאמיר גיין מלחמה האלטן מיט די יונים און דער אייבישטער וועט אונז העלפן, און זיי האבן געשריגן "מי לה' אלי" ווער ס'וויל מלחמה האלטן זאל קומען.

און אזוי איז טאקע געווען די אייבישטער האט זיי געהאלפן, אפילו זיי זענען געווען נאר 5, און שוואכע, אבער זיי זענען געווען גרויסע צדיקים האט דער אייבישטער געמאכט אַ נס, אז זיי האבן ארויס געטריבן אלע יונים פון די בית המקדש און פון ירושלים און פון ארץ ישראל.

נאכדעם זענען די כהנים אריין אין בית המקדש, אין די בית המקדש איז געווען איבערגעדרייט אלעס איז געווען שמוציג און צובראכן.

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## קרית יואל - בני ברק

---

מען האט אלעס ריין געמאכט, און פאררארכטן די מנורה מיט אלע כלים, און די כהן גדול האט געוואלט גיין אנצינדן די מנורה און ער האט נישט געהאט הייליגע ריינע שמן, ווייל אלעס האבן די יונים טמא געמאכט, מען האט געזוכט און געזוכט.

און דער אייבישטער האט געמאכט אַ נס מען האט געטראפן אַ קליין קריגל מיט שמן זית, וואס דאס האבן די יונים נישט אנגערירט, ווייל עס איז געווען אויף דעם אַ זיגל פון די כהן גדול אבער פון די שמן איז נישט געווען גענוג נאר אויף איין טאג, האט דער אייבישטער געמאכט אַ נס, אז עס האט געברענט אכט טעג, וועגן די נס, צינד מען אן אכט טעג חנוכה ליכט.

## די נס מיט יהודית די טאכטער פון כהן גדול

די מעשה איז געווען אזוי, די כהן גדול האט געהאט אַ טאכטער וואס האט געהייסן יהודית, זי איז געווען אַ צדיקת זי איז געגאנגען צו דעם רשע אליפורני, וואס איז געווען אַ שטארקע גענראל פון די יונים, און געזאגט אז זי וויל צו איהם חתונה האבן, זי האט נישט געוואלט מיט איהם חתונה האבן (אַ אידישע טאכטער טאר נישט חתונה האבן מיט אַ גוי) זי האט איהם געוואלט נאר אויספאפן, אליפורני האט געזאגט גוט.

ביינאכט האט זי איהם געגעבן צו עסן קעז, ער זאל ווערען שטארק דארשטעריג, ער זאל דארפן טרינקען, און זי וועט נישט געבן וואסער, נאר וויין, ער זאל ווערן שיכור און איינשלאפן, דער אליפורני ווען ער האט געגעסן די קעז, איז ער געווארן דארשטריג, און געבעטן צו טרינקען, און יהודית האט איהם געגעבן וויין, און ער איז געווארן שיכור, און ער איז אריין אין בעט, און איינגעשלאפן, איז יהודית געגאנגען און גענומען אַ מעסער, און אפגעשניטן זיין קאפ, און עס געברענגט קיין ירושלים, און געוויזן פאר אלעמען, אז אליפורני איז געשטארבן, האבן זיי מורא געהאט פון די אידן, און זענען אוועק געלאפן.

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

# קרית יואל - בני ברק

---

## הלכות פון חנוכה

אכט טעג צינד מען אן חנוכה ליכט, מען שטעלט אוועק די מנורה, אדער ביי די טיהר, אדער ביי די פענסטער, אז אלע וואס גייען אריבער, זאלן זעהן און געדענקען די ניסים וואס דער אייבישטער האט געמאכט מיט די אידן.

די מנורה וואס מען לייגט ביי די טיר, לייגט מען ביי די לינקע זייט, אז עס זאל זיין די מזוזה ביי די רעכטע זייט, און די חנוכה ליכט ביי די לינקע זייט.

די טאטע צינד אן די חנוכה ליכט מיט שמן זית, און די אינגעלעך צינדן מיט ליכט, נישט חלילה אליינס, וויל אַ אינגל טאר נישט צורירן צו קיין פייער.

שבת טאר מען נישט אנצינדן די מנורה, צינדט מען פרייטיג פאר עס ווערט שבת פאר די מאמע צינדט די שבת לעכט, און מוצאי שבת מאכט מען קודם הבדלה און דערנאך צינדט מען אן די מנורה.

וויפל ליכט צינדט מען אן ? די ערשטע טאג איינס אין די צווייטע טאג צוויי אין א.א.וו. נעבן די חנוכה ליכט צינד מען אן איין ליכט, די ליכט הייסט די שמש.

## הדלקת נרות חנוכה

נאך ווען די טאטע דאווענט מעריב, צינדט מען אן די חנוכה ליכט, די ערשטע טאג דארף מען מאכן דריי ברכות, אקב"ו להדליק נר חנוכה, שעשה נסים לאבותינו בימים ההם בזמן הזה, און שהחינו וכו' און פון די צווייטע טאג מאכט מען צווי ברכות. די ערשטע האלבע שעה נאכן צינדן זיצט מען לעבן די מנורה און מען זינגט זמירות פון חנוכה און מ'קוקט אויף די ליכט די אויגן ווערט הייליג.

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## קרית יואל - בני ברק

---

## מנהגים פון חנוכה

חנוכה שפילט מען זוך מיט אַ דריידערל, אויף די דריידערל שטייט אויפגעשריבן: נ.ג.ה.ש. דאס מאכט נ'ס ג'דול, אַ גרויסע נס, ה'יה איז געווען, ש'ם דארטן אין ירושלים. מען פירט זיך צו עסן חנוכה, לאטקעס, און אויך אנדערע זאכן וואס איז געמאכט פון שמן, וויל די נס איז געווען מיט שמן, אויך פירט מען זיך צו עסן מילעכיגס, ווייל אויך מיט מילכיג איז געווען אַ נס, די אכטע טאג הייסט "זאת חנוכה" דעמאלטס נעמט מען די אלע פארברענטע קנויטן און מ'מאכט א פייער און מ'פארברענט עס.



# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## קרית יואל - בני ברק

---

## כ"ה שאלות אויף חנוכ"ה

**א. וועלעכע יו"ט איז יעצט** ? חנוכה.

**ב. וואס איז דאס חנוכה** ? חנו די אידן האבן גערוהט כ"ה 25 טאג און חודש כסלו.

**ג. פון וועמען האבן זיי גערוהט** ? פון די יונים.

**ד. וואו זענען אריין די יוונים** ? אין בית המקדש.

**ה. וואס האבן זיי דארט געמאכט** ? זיי האבן אלעס טמא געמאכט.

**ו. וואס האבן זיי אריין געלייגט אין ביהמ"ק** ? א געטשקע – א קלאץ. (דערמאנט תרח מיט זיינע געטשקעס)

**ז. ווער האט זיי ארויס געטריבן פון דארט** ? די חשמונאים.

**ח. ווער האט געמאכט פאר זיי אַ נס** ? דער אייבישטער.

**ט. ווער האט געוואלט גיין אנצינדן די מנורה אין בית המקדש** ? די כהן גדול.

**י. ער האט געקענט אנצינדען** ? ניין.

**יא. וואס דארף מען האבן מען זאל קענען אנצינדן די מנורה** ? שמן זית.

**יב. עס איז נישט געווען שמן זית** ? עס איז יא געווען, נאר עס איז געווען טמא.

**יג. און וואס האט מען געטראפן** ? אַ קליין קריגל וואס האט געהאט אַ זיגל פון די כהן גדול וואס דאס האבן די יוונים נישט אנגערירט.

**יד. וויפל טעג האט מען געקענט צינדן מיט די שמן** ? נאר איין נאכט.

**טו. און וויפל טעג האט עס געברענט** ? אכט טעג.

**טז. ווער האט געמאכט די גרויסע נס** ? דער אייבישטער.

**יז. ווי אזוי האט געהייסן די טאטער פון דעם כהן גדול** ? יהודית.

**יח. צו וועמען איז זי געגאנגען** ? צו דעם רשע אליפורני

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## קרית יואל - בני ברק

---

## המשך כ"ה שאלות אויף חנוכ"ה

**יט. וואס האט זי צו איהם גאזאגט ?** אז זי וויל צו איהם חתונה האבן.

**כ. וואס האט זי איהם געגעבן צו עסן ?** קעז – מילעכיגס

**כא. און וואס האט זי איהם געגעבן צו טרינקן ?** וויין. ער זאל ווערן שיכור און איינשלאפן.

**כב. וואס האט יהודית געמאכט ?** זי האט איהם אפגעשניטן זיין קאפ.

**כג. וואס האט זי געמאכט מיט דעם ?** זי האט עס געברענגט קיין ירושלים.

**כד. וואס האבן די יונים געמאכט ווען זיי האבן דאס געזען ?** זיי זענען אועק געלאפן.

**כה. ווער האט געמאכט די גרויסע נס ?** דער אייבישטער.

*בברכת אַ גוט שבת און אַ פריילעכן חנוכה*
*און אסאך אידיש נחת פון די קינדער שיחי'*

*ווינטשט:*

*המלמד*

---

**און די טעג פון חנוכה הבעל"ט**

**הייבט מען אן די חדר 8:45**

**ערש"ק פרשת מקץ ענדיגט מען 11:30**

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ״ק מרן רבינו הקוה״ט זיעועכי״א - בנשיאות כ״ק מרן רבינו הגה״ק שליט״א

## קרית יואל - בני ברק

# נגונים אויף חנוכה

- יונים נקבצו עלי אזי בימי חשמנים ופרצו חומות מגדלי וטמאו כל השמנים ומנותר קנקנים נעשה נס לשושנים בני בינה ימי שמונה קבעו שיר ורננים (ב׳ אופנים)

- ולך עשית שם גדול וקדוש בעולמך ולעמך ישראל עשית תשועה גדולה ופורקן כהיום הזה

- אוי חנוכה אוי חנוכה אַ יום טוב אַ שיינע
אַ ליסטיגע אַ פרייליכע נישטא נאך אַ זיינע
אלע נאכט מיט דריידעלעך שפילן מיר
הייליגע מנורה צינדן מיר
קומט׳ס קינדער
קומט׳ס קינדער
די חנוכה ליכטעלעך אנצינדן



זאגט על הניסים
און דאנקן פאר די ניסים
און לאמיר אלע טאנצן צוזאמען
יהודה האט פארטריבן דעם רשע דעם רוצח
און מען האט אין בית המקדש געזינגען למנצח
די שטאט ירושלים האט יהודה אויפגעלעבט
צו אַ נייעם לעבן האט אַ יעדער איד געשטרעבט

- מיר ווילן האלטן שבת דעם הייליגן שבת קודש
אנטיוכוס לאזט נישט, ניין ! ניין ! ניין !
מיר ווילן האלטן ראש חודש ווען עס קומט אַ נייע חודש
אנטיוכוס לאזט נישט, ניין ! ניין ! ניין !
מיר ווילן מאכן אַ ברית פאר אונזערע אינגעלע בעבי
אנטיוכוס לאזט נישט, ניין ! ניין ! ניין !
מיר ווילן גיין דאווענען אין די הייליגע בית המקדש
מיר קענען נישט גיין, ניין ! ניין ! ניין !
די בית המקדש איז טמא אלעס איז צובראכן

רבונו של עולם העלף אונז טאקע די אליין
די חשמונאים די אידן האבן אנטיוכוס ארויס געטריבן
מיר פרייען זיך אלע, יא ! יא ! יא !
געטראפן אביסעלע אויל
גענוג פאר איין טאג געווען
געברענט אכט טעג אַ נס איז געשעהן
דערפאר בין איך צופרידן
און איך זינג מיט אלע אידן
מעוז צור ישועתי ווען חנוכה קומט צוגיין




# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## קרית יואל - בני ברק


**כיתה א׳** (א)
הר"ר משה ראטה הי"ו

# שאלות לפרשת מקץ

**א. מהו פרשת השבוע ?** מקץ.

**ב. מה היה חלום הראשון של פרעה ?** שפרעה עומד ליד היאור נילוס ומן היאור עולות שבע פרות יפות מראה ואחריהן עולות שבע פרות אחרות רעות מרעה והם אכלו הפרות הראשונות.

**ג. ומה היה החלום השני של פרעה ?** שראה שבע שבלים עולות בקנה אחד בריאות וטובות ואחריהן צומחות שבע שיבלים דקות ושדופות והם בלעו השיבלים המלאות.

**ד. למי סיפר פרעה בתחילה את חלומותיו ?** לחכמי מצרים.

**ה. והם מצא חן בעיניו את פתרונם ?** לא.

**ו. מה אמר שר המשקים לפרעה ?** שבבית הסוהר יושב יוסף איש חכם שיודע לפתור חלום.

**ז. ומה עשה פרעה ?** שלח אנשים והוציאו את יוסף מבית הסוהר.

**ח. מה ענה יוסף לפרעה כשאמר לו פרעה ששמע שיכול לפתור חלומות ?** שהקב"ה יתן מענה בפיו שיוכל לפתור חלומותיו.

**ט. מה פתר יוסף לפרעה את חלומותיו ?** שמה שחלם פרעה מהשבע פרות הטובות סימן הוא שיבואו שבע שנים שבעות ומה שפרעה חלם מהשבע פרות רעות המראה סימן הוא שיבואו שבע שנות רעב.

**י. מה זה שני שובע ?** שגדלים הרבה פירות.

**יא. מה זה שני רעב ?** שאין מה לאכול שלא גדלו פירות.

**יב. מה שילם פרעה ליוסף כעל פתרון חלומותיו ?** שעשה אותו משנה למלך במצרים.



# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## קרית יואל - בני ברק

**כיתה א׳** (א)
**הר"ר משה ראטה הי"ו**

# המשך שאלות לפר׳ מקץ

**יג. כמה בנים נולדו ליוסף במצרים ? ומהו שמותם ?** שני בנים. שם הבכור מנשה ושם השני אפרים.

**יד. מי היו בתוך הבאים מצרימה לשבור אוכל ? ולמה ?** אחי יוסף. כי הרעב היה גם בארץ כנען.

**טו. למה לא הכירו האחים את יוסף ?** כי היה לו כבר חתימת זקן.

**טז. איך דיבר יוסף עם אחיו ?** דיבר אתם קשות.

**יז. את מי מהאחים נתן יוסף בבית הסוהר ?** את שמעון.

**יח. ומה אמר יוסף לאחיו ?** שילכו ויביאו את אחיהם הקטן בנימין.

**יט. מה עשה יוסף כשראה שהביאו את בנימין ?** עשה סעודה.

**כ. מה שמו בשקו של בנימין ?** את גביע הכסף של יוסף.

**כא. ומה אמר יוסף לאנשיו ?** שירדפו אחרי האחים.

**כב. והיכן מצאו את הגביע של יוסף ?** בשקו של בנימין.

**כג. ומה אמר יוסף על זה ?** שבנימין יהיה עבד ואתם עלו בשלום אל אביכם.

*בברכת א גוט שבת*

*און א פריי"ליכן חנוכה*

*המלמד*



# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ״ק מרן רבינו הקוה״ט זיעועכי״א - בנשיאות כ״ק מרן רבינו הגה״ק שליט״א

## קרית יואל - בני ברק

**כיתה א׳** (כ)
הר״ר אהרן ווייסהויז הי״ו

# שאלות אויף פרשת מקץ

**א. וועלכע סדרה גייט די וואך ?** מקץ.

**ב. וואס איז טייטש מקץ ?** צום סוף.

**ג. וואס איז געווען צום סוף ?** פרעה האט גע׳חלומ׳ט אַ חלום.

**ד. ווער איז געווען פרעה ?** דער מלך פון מצרים.

**ה. האבן די קלוגע מענטשן פון פרעה געקענט זאגן וואס די חלום מיינט ?** ניין.

**ו. וואס האט דער שר המשקים געזאגט פאר פרעה ?** אז אין תפיסה זיצט איינער אַ איד וואס ער הייסט יוסף, און ער וועט קענען זאגן וואס די חלום איז.

**ז. וואס האט פרעה געזאגט ?** מ׳זאל אים ארויסנעמען פון תפיסה.

**ח. וואס האט מען געמאכט מיט יוסף פאר מ׳האט איהם געברענגט צו פרעה ?** מ׳האט אים אפגעוואשן אפגעשוירן און אנגעטוהן שיינע קליידער.

**ט. און יוסף האט געקענט זאגן וואס די חלום איז ?** יא.

**י. וואס האט ער געזאגט ?** אז ס׳קומט צו גיין זיבן פעטע יארן, און ס׳וועט זיין אסאך צו עסן, און נאכדעם וועט זיין זיבן הונגער יארן, און ס׳וועט נישט זיין וואס צו עסן.

**יא. וועלכע מתנה האט פרעה געגעבן פאר יוסף ?** ער האט אים געמאכט פאר אַ משנה למלך אין גאנץ לאנד מצרים.

**יב. וויפיל קינדער האט יוסף געהאט ?** צוויי.

**יג. ווי אזוי האבן זיי געהייסן ?** מנשה מיט אפרים.

*בברכת אַ גוט שבת און אַ פרייליכן חנוכה*

*המלמד*




# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## קרית יואל - בני ברק


בס"ד

**מכינה א׳** הר"ר נפתלי יעקב פאלאטשעק הי"ו

# שאלות אויף פרשת מקץ

**א. וועלכע סדרה גייט די וואך ?** מקץ.

**ב. וואס איז טייטש מקץ ?** צום סוף.

**ג. וואס איז געווען צום סוף ?** פרעה האט גע׳חלומ׳ט אַ חלום.

**ד. ווער איז געווען פרעה ?** דער מלך פון מצרים.

*** מיר האבן דערציילט פאר די קינדער שיחיו די צוויי חלומות פון פרעה**

**ה. האבן די קלוגע מענטשן פון פרעה געקענט זאגן וואס די חלום מיינט ?** ניין.

**ו. וואס האט דער שר המשקים געזאגט פאר פרעה ?** אז אין תפיסה זיצט איינער אַ איד וואס ער הייסט יוסף, און ער וועט קענען זאגן וואס די חלום איז.

**ז. וואס האט פרעה געזאגט ?** מ׳זאל אים ארויסנעמען פון תפיסה.

**ח. וואס האט מען געמאכט מיט יוסף פאר מ׳האט איהם געברעגט צו פרעה ?** מ׳האט אים אפגעוואשן אפגעשוירן און אנגעטוהן שיינע קליידער.

**ט. און יוסף האט געקענט זאגן וואס די חלום איז ?** יא.

**י. וואס האט ער געזאגט ?** אז ס׳קומט צו גיין זיבן פעטע יארן, און ס׳וועט זיין אסאך צו עסן, און נאכדעם וועט זיין זיבן הונגער יארן, און ס׳וועט נישט זיין וואס צו עסן.

**יא. וועלכע מתנה האט פרעה געגעבן פאר יוסף ?** ער האט אים געמאכט פאר אַ משנה למלך אין גאנץ לאנד מצרים.

**יב. וויפיל קינדער האט יוסף געהאט ?** צוויי.

**יג. ווי אזוי האבן זיי געהייסן ?** מנשה מיט אפרים.



# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## קרית יואל - בני ברק

בס"ד

**מכינה א'** הר"ר נפתלי יעקב פאלאטשעק הי"ו

# שאלות אויף שבת חנוכה

**יד. ווי אזוי הייסט די וואך שבת ?** שבת חנוכה.

**טו. וויפיל ס"ת נעמט מען ארויס די וואך ?** צוויי.

**טז. וואס דארף מען אנגרייטן לכבוד דעם שבת ?** צוויי קוגלעך.

**<u>מהנעשה ונשמע בחדר:</u>**

- **השבוע היינו עסוקים עם יו"ט חנוכה, כל יום שרנו ורקדנו לכבוד ימים המאירים האלו העבר עלינו לטובה, והדליקו נרות בכל יום לפרסומי ניסא, ומפרשת השבוע לא סיפרנו הרבה, וכן נתנו להם אחר פת שחרית לכבוד חנוכה ממתקים אחרי שגמרו כל הלחם שהביאו.**
- **ביום שלישי נהנו התלמידים מאוד מהדריידל שחילקו בתלמוד תורה.**

*בברכת אַ גוט שבת*
*און אַ פריילינכן חנוכה*
*און אסאך אידיש נחת פון די קינדער שיחי'*

*וואונטשט:*

***המלמד***

**<u>שבת טאטע</u>**

די וואך איז געווען דער שבת טאטע

**יחזקאל מנחם ראטה** נ"י

**<u>ברכת מזל טוב</u>**

פאר **זאב מרדכי האלצער** נ"י

פאר די געבורט פון זיין ברודער



***ניגון*** *: יוונים נקבצו עלי אזי בימי חשמנים ופרצו חומות מגדלי וטמאו כל השמנים*
*ומנותר קנקנים נעשה נס לשושנים בני בינה ימי שמונה קבעו שיר ורננים*





# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## קרית יואל - בני ברק

בס"ד

**מכינה ב'**

הר"ר יואל כף הי"ו והר"ר יואל אברהם שווארץ הי"ו

# ענינים וואס מיר האבן פארציילט פון חנוכה

## חנוכה

חנוכה מיינט חנו כ"ה, חנו איז טייטש גערוהט, (די אידן האבן גערוהט פון די יונים) כ"ה (25 טאג אין חודש כסלו), אין די טעג פרייט מען זיך און מען דאנקט פאר די אייבישטער און מען צינט אן חנוכה ליכט, ווייל דער אייבישטער האט געמאכט גרויסע נסים מיט די אידישע קינדער.

## די גזירות פון אנטיוכוס

ווען די אידן האבן נאך געהאט אַ בית המקדש אין די הייליגע שטאט ירושלים, איז געווען אין בית המקדש הייליגע כלים, און דארטן זענען געווען כהנים וואס האבן געטאן די הייליגע ארבעט, דארט איז געווען אַ גרויסע שיינע גאלדענע מנורה, און יעדן טאג האט די כהן גדול אנגעצינדען די מנורה זיבן ליכט מיט ריינע שמן זית, דאס איז געווען הייליגע שמן וואס איז געווען נאר פאר די מנורה פון בית המקדש.

אין לאנד יון האבן געוואוינט גוים וואס זיי רופט מען די יונים, זיי האבן געהאט אַ שטארקע קעניג, ער האט געהייסן אנטיוכוס, אלע האבן מורא געהאט פון איהם ווייל ער איז געווען זייער שטארק, דער אנטיוכוס האט נישט געוואלט אז די אידן זאלן זיין אנדערש ווי אלע גוים האט ער קודם נישט געלאזט מאכן דריי מצוות, ער לאזט נישט האלטן די הייליגע שבת קודש מ'זאל נישט גיין אין שוהל שבת מ'זאל נישט מאכן קידוש די טאטע האט געמאכט קידוש שטילערהייט אז די יונים גוים זאלן נישט הערן און די מאמע זאל נישט צינדן שבת ליכטלעך ווען די מאמעס האבן געמינדן ליכט האט מען פארדעקט די פענסטער אז די יונים גוים זאלן נישט זהען וויאזוי סברענט די שבת ליכט , און אויך זאל מען נישט מאכן פאר א באבעלע אינגעלע א ברית ווען מ'גיט פאר די באבעלע א נאמען און בייגאכט פאר די ברית האט מען נישט געקענט מאכן א קר"ש ליינען, און מ'זאל נישט האלטן ראש חודש מיט די אלע יו"ט.

## להשכיחם תורתיך

אויך לאזט ער נישט לערנען די הייליגע תורה, ער האט געשיקט די פאליצייי זאלן צומאכן די חדר אז מ'זאל נישט קענען דארט אריין גיין, די רבי מיט די קינדער קומען אן צופרי אין חדר, די פאליצייי שטייען ביי די טיהרן און לאזן נישט פאר קיינעם נישט אריין גיין אין חדר.



# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## קרית יואל - בני ברק

בס"ד

**מכינה ב'**

הר"ר יואל כף הי"ו והר"ר יואל אברהם שווארץ הי"ו

**די אידישע אינגעלך האבן געוואלט גיין אין חדר, אין די חדר איז געווען פארשפארט, זענען זיי געגאנגען צו זייער רבי אין שטוב, און געבעטן פון זייער רבי, אונז וויל מיר לערנען די הייליגע תורה, איז דער רבי מיט זיי געגאנגען און אַ וואלד, א וואלד איז א פלאץ וואס קיינער וואוינט נישט דארט ס'איז גארנישט דא דארט נאר ביימער, אלע אינגלעך האבן זיך אראפ געזעצט אונטער א בוים און דארט האט דער רבי געלערנט מיט די קינדער די הייליגע תורה, צוויי קינדער האבן א גאנצע צייט געקוקט אויב ס'קומען די יוונים גוים, אויב האבן זיי געזעהן אז די יונים גוים קומען האבן אלע קינדער שנעל באהאלטן די סידורים מיט די חומשים אונטער די מאנטלעך און מ'האט זיך געשפילט דריידלעך, די יוונים פרעגן פאר די רבי מיט די קינדער וואס מאכן ענק דא אין וואלד, זאגן זיי אז זיי שפילן דריידל און די יוונים האבן זיי גארנישט געמאכט, און ווען די יוונים זענען אוועק געגאנגען האט מען צוריק ארויס גענומען די סידורים מיט די חומשים און ווייטער געלערנט, אין וואלד האט מען אויך געמאכט די ברית פאר אלע באבעלעך וואס זענען געבוירן אז די יוונים זאלן זיי נישט כאפן מאכן א ברית.**

**די יוונים גוים האבן אויך נישט געלאזט פאר די טאטעס גיין יעדן טאג צופרי אין מקוה, און דער אייבישטער האט געמאכט א נס אז ס'איז געווארן ביי יעדע שטוב א מקוה אז די טאטעס זאלן זיך קענען טובל'ן אין א מקוה פאר'ן דאווענען צופרי און ערב שבת לכבוד שבת קודש, און נאך אסאך צרות האבן זיי געמאכט פאר די אידן, ביז ווען אנטיוכוס האט געשיקט אסאך סאלדאטן צו קומען מלחמה האלטן אין ירושלים, די גוים זענען אריין אין די הייליגע בית המקדש און אויסגעלאשן די מנורה און אלעס טמא געמאכט און אלעס צובראכן זיי האבן חרוב געמאכט די גאנצע בית המקדש און זיי האבן דארט אריין געלייגט אין בית המקדש א געטשקע (א קלאץ) אז מ'זאל דאווענען פאר די געטשקע און נישט חלילה פאר די אייבישטער.**

## די מעשה פון חנה מיט די זיבן קינדער

**אנטיוכוס האט געהייסן מען זאל רופן חנה מיט איהרע 7 קינדער, אנטיוכוס האט געזאגט פאר'ן גרויסן ברודער ער זאל זיך בוקן צו די געטשקעס (ע"ז), אבער ער האט נישט מסכים געווען און ער האט געשריגן ניין! איך ביק זיך נישט צו די געטשקעס, אנטיוכוס האט זיך זייער אויפגערעגט און ער האט געהייסן מ'זאל איהם הרג'ענען.**




# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## קרית יואל - בני ברק


בס"ד

### מכינה ב'

הר"ר יואל כף הי"ו והר"ר יואל אברהם שווארץ הי"ו

נאכדעם האט אנטיוכוס געזאגט פאר'ן צווייטן ברודער ער זאל זיך ביקן צו די געטשקעס, און אויך ער האט געשריגן ניין ! איך וועל זיך נישט ביקן צו די געטשקעס, און מ'האט איהם גע'הרג'עט, אזוי האט ער גע'הרג'עט אלע ברודער'ס.

ווען ער איז אנגעקומען צו דער קליינער ברודער האט ער געזאגט: איך וועל אראפווארפן מיין רינגל און די וועסט דאס אויפהייבן אזוי וועסטו זיך ביקן, האט ער אויך געשריגן ניין ! ניין ! און מ'האט איהם אויך גע'הרג'עט, און נאכדעם איז חנה אויך נפטר געווארן, און ס'איז ארויסגעקומען א בת קול און געזאגט "וואויל איז פאר חנה מיט איהערע 7 קינדער.

## נס חנוכה

ביז עס זענען געקומען די חשמונאים די 5 קינדער פון מתתיהו כהן גדול זיי זענען געווען גרויסע צדיקים און זיי האבן געזאגט פאר די אידן קומטס לאמיר גיין מלחמה האלטן מיט די יונים און דער אייבישטער וועט אונז העלפן, און זיי האבן געשריגן "מי לה' אלי" ווער ס'וויל מלחמה האלטן זאל קומען.

און אזוי איז טאקע געווען די אייבישטער האט זיי געהאלפן, אפילו זיי זענען געווען נאר 5, און שוואכע, אבער זיי זענען געווען גרויסע צדיקים האט דער אייבישטער געמאכט אַ נס, אז זיי האבן ארויס געטריבן אלע יונים פון די בית המקדש און פון ירושלים און פון ארץ ישראל.

נאכדעם זענען די כהנים אריין אין בית המקדש, אין די בית המקדש איז געווען איבערגעדרייט אלעס איז געווען שמוציג און צובראכן.

מען האט אלעס ריין געמאכט, און פארראכטן די מנורה מיט אלע כלים, און די כהן גדול האט געוואלט גיין אנצינדן די מנורה און ער האט נישט געהאט הייליגע ריינע שמן, ווייל אלעס האבן די יונים טמא געמאכט, מען האט געזוכט און געזוכט.

און דער אייבישטער האט געמאכט אַ נס מען האט געטראפן אַ קליין קריגל מיט שמן זית, וואס דאס האבן די יונים נישט אנגערירט, ווייל עס איז געווען אויף דעם אַ זיגל פון די כהן גדול אבער פון די שמן איז נישט געווען גענוג נאר אויף איין טאג, האט דער אייבישטער געמאכט אַ נס, אז עס האט געברענט אכט טעג, וועגן די נס, צינד מען אן אכט טעג חנוכה ליכט.



# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ״ק מרן רבינו הקוה״ט זיעועכי״א - בנשיאות כ״ק מרן רבינו הגה״ק שליט״א

## קרית יואל - בני ברק

**בס״ד**

מכינה ב׳

הר״ר יואל כף הי״ו והר״ר יואל אברהם שווארץ הי״ו

## די נס מיט יהודית די טאכטער פון כהן גדול

**די מעשה איז געווען אזוי, די כהן גדול האט געהאט אַ טאכטער וואס האט געהייסן יהודית, זי איז געווען אַ צדיקת זי איז געגאנגען צו דעם רשע אליפורני, וואס איז געווען אַ שטארקע גענראל פון די יונים, און געזאגט אז זי וויל צו איהם חתונה האבן, זי האט נישט געוואלט מיט איהם חתונה האבן (אַ אידישע טאכטער טאר נישט חתונה האבן מיט אַ גוי) זי האט איהם געוואלט נאר אויספאפן, אליפורני האט געזאגט גוט.**

**ביינאכט האט זי איהם געגעבן צו עסן קעז, ער זאל ווערן שטארק דארשטעריג, ער זאל דארפן טרינקען, אין זי וועט נישט געבן וואסער, נאר וויין, ער זאל ווערן שיכור אין איינשלאפן, דער אליפורני ווען ער האט געגעסן די קעז, איז ער געווארן דארשטעריג, און געבעטן צו טרינקען, און יהודית האט איהם געגעבן וויין, אין ער איז געווארן שיכור, אין ער איז אריין אין בעט, אין איינגעשלאפן, איז יהודית געגאנגען און גענומען אַ מעסער, און אפגעשניטן זיין קאפ, אין עס געברענגט קיין ירושלים, און געוויזן פאר אלעמען, אז אליפורני איז געשטארבן, האבן זיי מורא געהאט פון די אידן, און זענען אוועק געלאפן.**

## הלכות פון חנוכה

**אכט טעג צינד מען אן חנוכה ליכט, מען שטעלט אוועק די מנורה, אדער ביי די טיהר, אדער ביי די פענסטער, אז אלע וואס גייען אריבער, זאלן זעהן און געדענקען די ניסים וואס דער אייבישטער האט געמאכט מיט די אידן.**

**די מנורה וואס מען לייגט ביי די טיר, לייגט מען ביי די לינקע זייט, אז עס זאל זיין די מזוזה ביי די רעכטע זייט, און די חנוכה ליכט ביי די לינקע זייט.**

**די טאטע צינד אן די חנוכה ליכט מיט שמן זית, און די אינגעלעך צינדן מיט ליכט, נישט חלילה אליינס, וויל אַ אינגל טאר נישט צורירן צו קיין פייער.**

**שבת טאר מען נישט אנצינדן די מנורה, צינדט מען פרייטיג פאר עס ווערט שבת פאר די מאמע צינדט די שבת לעכט, און מוצאי שבת מאכט מען קודם הבדלה און דערנאך צינדט מען אן די מנורה.**

**וויפל ליכט צינדט מען אן ? די ערשטע טאג איינס אין די צוויטע טאג צוויי אין א.א.וו. נעבן די חנוכה ליכט צינד מען אן איין ליכט, די ליכט הייסט די שמש.**



# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## קרית יואל - בני ברק

בס"ד

מכינה ב'

הר"ר יואל כף הי"ו והר"ר יואל אברהם שווארץ הי"ו

## הדלקת נרות חנוכה

נאך ווען די טאטע דאווענט מעריב, צינדט מען אן די חנוכה ליכט, די ערשטע טאג דארף מען מאכן דריי ברכות, אקב"ו להדליק נר חנוכה, שעשה נסים לאבותינו בימים ההם בזמן הזה, און שהחינו וכו' און פון די צוויטע טאג מאכט מען צווי ברכות. די ערשטע האלבע שעה נאכן צינדן זיצט מען לעבן די מנורה און מען זינגט זמירות פון חנוכה און מ'קוקט אויף די ליכט די אויגן ווערט הייליג.

## מנהגים פון חנוכה

חנוכה שפילט מען זיך מיט אַ דריידערל, אויף די דריידערל שטייט אויפגעשריבן: נ.ג.ה.ש. דאס מאכט נ'ס ג'דול, אַ גרויסע נס, ה'יה איז געווען, ש'ם דארטן אין ירושלים.

מען פירט זיך צו עסן חנוכה, לאטקעס, און אויך אנדערע זאכן וואס איז געמאכט פון שמן, ווייל די נס איז געווען מיט שמן, אויך פירט מען זיך צו עסן מילעכיגס, ווייל אויך מיט מילכיג איז געווען אַ נס.

די אכטע טאג הייסט "זאת חנוכה" דעמאלטס נעמט מען די אלע פארברענטע קנויטן און מ'מאכט א פייער און מ'פארברענט עס.





# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## קרית יואל - בני ברק

בס"ד

**מכינה ב׳**

הר"ר יואל כף הי"ו והר"ר יואל אברהם שווארץ הי"ו

# שאלות אויף חנוכה

**א. וועלעכע יו"ט איז יעצט ?** חנוכה.

**ב. וואס איז דאס חנוכה ?** חנו די אידן האבן גערוהט כ"ה (25 טאג און חודש כסלו).

**ג. פון וועמען האבן זיי גערוהט ?** פון די יונים.

**ד. ווער איז געווען דער קעניג פון די יונים ?** אנטיוכוס.

**ה. וואס איז געווען די גזירות פון אנטיוכוס ?** נישט האלטן **שבת**, נישט האלטן **ראש חודש**, נישט מאכן א **ברית** פאר א יונגעלע באבעלע, נישט **לערנען** די הייליגע תורה.

**ד. וואו זענען אריין די יוונים ?** אין בית המקדש.

**ה. וואס האבן זיי דארט געמאכט ?** זיי האבן אלעס טמא געמאכט.

**ו. וואס האבן זיי אריין געלייגט אין ביהמ"ק ?** א געטשקע – א קלאץ.

**ז. ווער האט זיי ארויס געטריבן פון דארט ?** די חשמונאים.

**ח. ווער האט געמאכט פאר זיי אַ נס ?** דער אייבישטער.

**ט. ווער האט געוואלט גיין אנצינדן די מנורה אין בית המקדש ?** די כהן גדול.

**י. ער האט געקענט אנצינדען ?** ניין.

**יא. וואס דארף מען האבן מען זאל קענען אנצינדן די מנורה ?** שמן זית.

**יב. עס איז נישט געווען שמן זית ?** עס איז יא געווען, נאר עס איז געווען טמא.

**יג. און וואס האט מען געטראפן ?** אַ קליין קריגל וואס האט געהאט אַ זיגל פון די כהן גדול וואס דאס האבן די יוונים נישט אנגערירט.

**יד. וויפל טעג האט מען געקענט צינדן מיט די שמן ?** נאר איין נאכט.



# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## קרית יואל - בני ברק

בס"ד

**מכינה ב'**

הר"ר יואל כף הי"ו והר"ר יואל אברהם שווארץ הי"ו

**טו. און וויפל טעג האט עס געברענט** ? אכט טעג.

**טז. ווער האט געמאכט די גרויסע נס** ? דער אייבישטער.

**יז. ווי אזוי האט געהייסן די טאטער פון דעם כהן גדול** ? יהודית.

**יח. צו וועמען איז זי געגאנגען** ? צו דעם רשע אליפורני

**יט. וואס האט זי צו איהם גאזאגט** ? אז זי וויל צו איהם חתונה האבן.

**כ. וואס האט זי איהם געגעבן צו עסן** ? קעז

**כא. און וואס האט זי איהם געגעבן צו טרינקן** ? וויין. ער זאל ווערן שיכור און איינשלאפן.

**כב. וואס האט יהודית געמאכט** ? זי האט איהם אפגעשניטן זיין קאפ.

**כג. וואס האט זי געמאכט מיט דעם** ? זי האט עס געברענגט קיין ירושלים.

**כד. וואס האבן די יונים געמאכט ווען זיי האבן דאס געזען** ? זיי זענען אועק געלאפן.

**כה. ווער האט געמאכט די גרויסע נס** ? דער אייבישטער.

*א פרייליכן חנוכה און אסאך אידיש נחת פון די קינדער שיחי'*

*וואונטשן: **המלמדים***

**און די טעג פון חנוכה הבעל"ט הייבט מען אן די חדר 8:45**

**ערש"ק פרשת מקץ ענדיגט מען 11:30**

פרטים וועגן די מסיבת חנוכה וועט נאכפאלגן אי"ה

התמונות נלקחו מהחוברת "עזר לילד" לחנוכה ותשוח"ח להם



# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## קרית יואל - בני ברק

בס"ד

**מכינה ב'**

הר"ר יואל כף הי"ו והר"ר יואל אברהם שווארץ הי"ו

# ניגונים אויף חנוכה

- **יונים נקבצו עלי אזי בימי חשמנים ופרצו חומות מגדלי וטמאו כל השמנים ומנותר קנקנים נעשה נס לשוֹשנים בני בינה ימי שמונה קבעו שיר ורננים (ב' אופנים)**

- **ולך עשית שם גדול וקדוש בעולמך ולעמך ישראל עשית תשועה גדולה ופורקן כהיום הזה**

---

- **אוי חנוכה אוי חנוכה אַ יום טוב אַ שיינע**

**אַ ליסטיגע אַ פריילִיכע נישטא נאך אַ זיינע**

**אלע נאכט מיט דריידעלעך שפילן מיר**

**די הייליגע מנורה צינדן מיר**

**קומט'ס קינדער**

**קומט'ס קינדער**

**די חנוכה ליכטעלעך אנצינדן**





**זאגט על הניסים**

**און דאנקן פאר די ניסים**

**און לאמיר אלע טאנצן צוזאמען**

**יהודה האט פארטריבן דעם רשע דעם רוצח**

**און מען האט אין בית המקדש געזינגען למנצח**

**די שטאט ירושלים האט יהודה אויפגעלעבט**

**צו אַ נייעם לעבן האט אַ יעדער איד געשטרעבט**

---

- **מיר ווילן האלטן שבת דעם הייליגן שבת קודש**

**אנטיוכוס לאזט נישט, ניין ! ניין ! ניין !**

**מיר ווילן האלטן ראש חודש ווען עס קומט אַ נייע חודש**

**אנטיוכוס לאזט נישט, ניין ! ניין ! ניין !**

**מיר ווילן מאכן אַ ברית פאר אונזערע אינגעלע בעבי**

**אנטיוכוס לאזט נישט, ניין ! ניין ! ניין !**

**מיר ווילן גיין דאווענען אין די הייליגע בית המקדש**

**מיר קענען נישט גיין, ניין ! ניין ! ניין !**

**די בית המקדש איז טמא אלעס איז צובראכן**

**רבונו של עולם העלף אונז טאקע די אליין**

**די חשמונאים די אידן האבן אנטיוכוס ארויס געטריבן**

**מיר פרייען זיך אלע, יא ! יא ! יא !**

**געטראפן אביסעלע אויל**

**גענוג פאר איין טאג געווען**

**געברענט אכט טעג אַ נס איז געשעהן**

**דערפאר בין איך צופרידן**

**און איך זינג מיט אלע אידן**

**מעוז צור ישועתי ווען חנוכה קומט צוגיין**



# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ״ק מרן רבינו הקדה״ט זיעועכי״א - בנשאות כ״ק מרן רבינו הגה״ק שליט״א

## קרית יואל - בני ברק

בס״ד

**מכינה ב׳**

הר״ר יואל כף הי״ו והר״ר יואל אברהם שווארץ הי״ו

# די וואך פרשת מקץ האבן מיר פארציילט:

## ופרעה חולם

פרעה די קעניג פון מצרים חלומ׳ט זיך צוויי חלומות, איינס ווי אזוי ער שטייט אויף די וואסער פון די טייך נילוס און ס׳קומט ארויס פון די טייך זיבן פיינע פעטע קיהען, און נאכדעם קומען ארויס פון די טייך זיבן מאגערע קוהען, און די מאגערע קיהען עסן אויף די פעטע קיהען, די צווייטע חלום איז אז ס׳איז דא זיבן אנגעפילטע זאנגען און זיבן נישט אנגעפילטע זאנגע, און די זיבן נישט אנגעפילטע זאנגען שלינגען אראפ די זיבן אנגעפילטע זאנגען, און פרעה האט זיך אויפגעוועקט.

## ויהי בבוקר

פרעה שטיט אויף צופרי, און פרעה ווייסט נישט וואס מיינט די צוויי חלומות וואס ער חלומ׳ט זיך ביינאכט, מ׳האט גערופן צו פרעה אלע זיינע באדינער׳ס מיט די דאקטורים פון מצרים אז יעדע זאל זאגן וואס די חלום פון פרעה מיינט, דער שר המשקים וואס איז געווען אין תפיסה איז אויך געקומען צו פרעה׳ס שטוב און ער זאגט פאר פרעה אז ווען ער איז געווען אין תפיסה האט ער איינמאל גע׳חלומ׳ט א חלום און דארט איז געווען א בחור וואס הייסט יוסף און ער האט זייער גוט געוואוסט וואס די חלום מיינט.

## וישלח פרעה ויקרא את יוסף

מ׳האט שנעל גערופן יוסף צו פרעה, מ׳שעהרט איהם אפ די גרויסע האר, מ׳טוישט איהם קליידער, און מ׳ברענגט איהם צו פרעה, פרעה זאגט פאר יוסף אז ער האט גע׳חלומ׳ט צוויי חלומות און ער ווייסט נישט וואס די חלום מיינט, פרעה פארציילט פאר יוסף די גאנצע חלום.

## ויאמר יוסף אל פרעה

יוסף זאגט פאר פרעה פונקטליך וואס די צוויי חלומות מיינט, אז קודם וועט זיין זיבן יאהר וואס דעמאלטס וועט זיין אסאך עסן אין מצרים, און נאכדעם וועט זיין זיבן יאר וואס ס׳וועט נישט זיין גארנישט וואס צו עסן, מ׳וועט זיין הונגעריג און יוסף זאגט אויך פאר פרעה אז מ׳זאל שוין יעצט אנהייבן צו זאמלען עסן אויף די זיבן אר און אריינלייגן די אלע עסן אן א גרויסע מקלט.

## ויאמר פרעה אל יוסף

פרעה זאגט פאר יוסף אז ער זעהט אז יוסף איז זייער א קלוגער מענטש ער ווייסט אסאך זאכן, וועט ער ווערן א משנה למלך אין מצרים, א משנה למלך הייסט א צווייטע קעניג, מ׳האט אנגעטוהן פאר יוסף א קרוין מיט שיינע קליידער פון א קעניג, פרעה געבט זיין רינגל פאר יוסף, מ׳האט ארום געפירט יוסף אין גאנץ מצרים מיט שיינע פערד און אלע שרייען פאר יוסף משנה למלך.

## וליוסף יולד שני בנים

יוסף האט חתונה געהאט און ער האט געבוירן צוויי קינדער מנשה מיט אפרים, און ס׳איז געווען קודם די זיבן יארן וואס ס׳איז דא וואס צ עסן און דעמאלטס האט יוסף געזאמלט אסאך עסן אין א גרויסע מקלט אז ווען ס׳ווע זיין די הונגער יאר זאל זיין וואס צו עסן.

## וירא יעקב כי יש שבר במצרים

ס׳איז געווארן די הונגער יארן ס׳איז נישט דא וואס צו עסן ס׳איז נישט געווען וואס צו קויפן אין אלע געשעפטן (אזוי ווי יוסף האט געזאגט פאר פרעה וואס די חלום מיינט) יעקב אבינו שיקט אראפ זיינע קינדער קיין מצרים ווייל אין מצרים איז געווען די משנה למלך (יוסף) וואס ער האט געהאט א אנגעפילטע מקלט מיט פיל עסן און ווער ס׳האט געוואלט עסן האט



# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## קרית יואל - בני ברק

בס"ד

## מכינה ב'

הר"ר יואל כף הי"ו והר"ר יואל אברהם שווארץ הי"ו

געקויפט ביי די משנה למלך, יעקב אבינו ווייסט נישט אז זיין זוהן יוסף איז דער משנה למלך, די אלע קינדער פון יעקב גייען אראפ קיין מצרים, ראובן, שמעון, לוי, יהודה, יששכר, זבולון, דן, נפתלי, גד, אשר און בנימין, האט יעקב אבינו נישט געלאזט גיין קיין מצרים ווייל יעקב אבינו האט מורא געהאט אז ס'זאל איהם גארנישט פאסירן אזוי ווי ס'האט פאסירט מיט זיין ברודער יוסף, די קינדער קומען אן קיין מצרים יעדער איז געגאנגען פון א אנדערע זייט, יעדער האט געזוכט יוסף די ברודער וואס מ'האט פארקויפט קיין מצרים צו די אראבערס, זיי קומען אן צו די משנה למלך (יוסף) און זיי ווילן קויפן עסן, אבער דער משנה למלך (יוסף) וויל זיי נישט פארקויפן עסן, ער פרעגט זיי קודם פארוואס זענט עטץ נישט געקומען צוזאמען נאר יעדער איינער עקסטער? יוסף ווייסט ווער זיי זענען אבער זיי ווייסן נישט ווער איז די משנה למלך (יוסף) זיי זאגן פאר די משנה למלך אז זיי זענען צוועלעוו ברודער איינער איז געבליבן אין שטוב (בנימין) מיט די טאטע יעקב אבינו, און איינער יוסף האט זיך פארלוירן און אונז זוכן איהם אויף, וועגן דעם זענען מיר געקומען יעדער איינער עקסטער אז אפשר וועט איהם איינער טרעפן.

יוסף דער משנה למלך זאגט זיי אז אויב זיי וועלן ברענגען די ברודער בנימין קיין מצרים וועט ער זיי פארקויפן עסן, אבער ביז וואן זיי גייען ברענגען זייער ברודער בנימין זאל איינער פון די ברודער שמעון בלייבן דא אין מצרים אין תפיסה.

## ויבואו אל יעקב אביהם

די ברודער'ס גייען אהיים צו יעקב אבינו און זיי זאגן פאר יעקב אבינו אז דער משנה למלך האט געזאגט אז נאר אויב מ'וועט ברענגען די ברודער בנימין וועט ער אונז פארקויפן עסן, און ער האט אויך געלאזט אין מצרים שמעון ביז מ'וועט ברענגען בנימין, יעקב האט קודם נישט געוואלט שיקן בנימין ווייל ער זעהט אז יוסף איז שוין נישטא און שמעון איז שוין אויך נישטא האט ער מורא אז בנימין וועט שוין אויך נישט זיין.

יהודה זאגט פאר יעקב אבינו אז ער וועט אכטונג געבן אויף בנימין אז ס'זאל איהם גארנישט פאסירן, יעקב אבינו האט געשיקט בנימין קיין מצרים.

## וירא יוסף את בנימין

די ברודער'ס קומען אן קיין מצרים צו די משנה למלך (יוסף) און וואן יוסף האט געזעהן בנימין האט ער זיי צוריק געגעבן זייער ברודער שמעון און ער האט זיי געגעבן צו עסן און ער האט געהייסן מ'זאל זיי אנפילן די זעק מיט עסן, אויך האט דער משנה למלך (יוסף) געהייסן שטילערהייט פאר זיין זוהן מנשה אז מ'זאל אריין לייגן זיין בעכער ביי בנימין'ס זאק.

## הבוקר אור והאנשים שולחו

צופרי גייען אלע ברודער'ס אהיים צוריק צו זייער שטוב, און די משנה למלך (יוסף) שיקט שנעל מ'זאל זיי צוריק ברענגען ווייל מ'האט איהם צוגענומען זיין בעכער, די פאליציי איז זיי שנעל נאכגעלאפן און מ'האט געזוכט ביי אלע ברודער'ס זעק די בעכער און מ'טרעפט עס ביי די זאק פון בנימין, מ'האט צוריק גענומען בנימין צו די משנה למלך קיין מצרים און מ'גייט איהם לייגן אין תפיסה.

## שבת חנוכה

די וואך שבת נעמט מען ארויס צוויי ספרי תורה'ס, אין איינס לייענט מען פון די פרשה פון מקץ, און אין די אנדערע לייענט מען פון חנוכה, און מ'פירט זיך אויך צו מאכן צוויי קיגלעך, איינס לכבוד שבת און איינס לכבוד חנוכה.

פרייטיג נאכמיטאג פאר וואן די מאמע צינדט די שבת ליכט וועט מען קודם אנצינדן די מנורה, מוצאי שבת מאכט מען קודם הבדלה און נאכדעם צינדט מען די מנורה.

בברכת אַ גוט שבת און אַ פרייליכן חנוכה און אסאך אידיש נחת פון די קינדער שיחי' **המלמדים**